STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05318

SEYFER TEYVES NOAH

Noah Kaplan

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Irvin & Shirley Kraft
in memory of
Pauline & Sam Goldin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

תבת נח

על חמשה חומשי תורה

ענטהאלט פיעלע וויכטיגע און אינטערעסאנטע

דרשות

פיר אַלע געלעגענהייטען
ווי חתונות, בר מצות און ר"ל הספדים

חלק רביעי

במדבר

"רעוו-רעד בוך"

דאַ געפינען זיך מאמרים אויף אַ סך ענינים פון תנ"ך און חז"ל
צו יעדער געלעגענהייט.
"הפך בה והפך בה"

שנת תבא שנת דורשנו

מאתי הצעיר נח קאַפּלאַן
בן לאדוני אבי ר' שלמה צבי הכהן זצ"ל

נסדר ונדפס בדפוס הרבני ר' יעקב פּאַסטאַר

תוכן הדרשות

פארוואס איך רוף מיינע ספרים „תבת נח" — 3

הקדמה — 4

במדבר: אינסטאליישאן פון בעאמטע — 10

" (הפטרה) דרשה ב: לצדקה ואמונה — 15

" (הפטרה) דרשה ג: למתן תורה ולאחדות — 22

נשא: דרשה לבר מצוה — 26

" (הפטרה) דרשה ב: לסעודת מצוה של ח"ק — 30

בהעלותך: ליום הדין ולחזוק התורה — 36

" דרשה ב: הספד — 42

" דרשה ג: לחתונה של ת"ח — 45

" דרשה ד: להכנסת תורה — 51

שלח: שבח על ת"ח שמת בניסן — 57

קרח: בענין קדיש — לס' קרח ולפורים — 63

חקת: יזכור — 68

בלק: דרשה לח"ק ט"ו כסלו — 74

" דרשה ב: לחתונה — 81

פינחס: איין אמת'ער פאלק'ס מענש — 87

מטות: לתשעה באב—די שבועה פאר ארץ ישראל — 92

" דרשה ב: תורה איז די בעסטע סחורה — 97

מסעי: למתן תורה — גיט די סחורה — 101

איין אפענער בריעף צו ר' ישראל'ן — 107

פארוואס איך רוף מיינע ספרים „תבת נח״ ?

עם טרעפט אז איינער גיט זיך א זאג מיט א בטול: „אה! ספרים אין אידיש לייען איך נים״! זאלט איהר וויסען מיינע פריינדע, אז אט דער איד איז פון יענע לומדים, וואס קען אזויפיעל די תנ״ך שפראך פונקט ווי יענער ישובניק וואס האט געשריבען „ידיד מלים״, ווען ער האט געוואלט זאגען „ווערטהער פריינד״, נאר פשוט, אט דער איד באלאנגט צו דער גרופע פון „ווי העמודים וחשוקיהם כסף״. דאס מיינט, ווי צו די פלאקענס וואס האבען נאר חשק צו געלד, אבער נים צו קיין תורה, נים צו קיין חכמה . . . אט מיט די אידען קען מען קיין קוגעל פון איין טעלער נים עסען . . .

ווייסט איהר פארוואס (קוגעל) **פאי** איז ביי אונז אזוי פאפולער ? ווייל די ר״ת פון **פאי** מיינט **פותח את ידך.** איך רוף טאקע מיינע ספרים „**תבת נח**״, ווייל איך בין נים ווי יענער מחבר וואס רופט זיין ספר **פני משה.** פני משה, קען חו״ש מיינען, אז מען קען אין דעם ספר נים אריינקוקען אזוי ווי מען האט נים געקענט אריינקוקען אין משה׳ס פנים. — אבער אין מיינע ספרים קענען אלע אריינקוקען, אפילו די טמאים. ווייל זיי זיינען דאך אויך אריין אין דער תבה.

מיינע ספרים **תבת נח** זיינען נים ווי די פאליטישענס און נים ווי די דאקטוירים. ווייל נים איך זאג צו (ווי א פאליטישען) און נים איך זאג אפ (ווי א דאקטאר), נאר איך בין נאאיוו ווי א קינד און זאג אוים.

איך האב זיך אמאהל באקלאגט פאר א דאקאטר אז איך פיהל נים גוט, זאגט דער דאקטאר: איך וועל אייך געבען א מעדיצין צום שלאפען, אט אזוי ווי איך טהו מיט פיעלע פון מיינע פאציענטען.

האב איך איהם געענטפערט: איך גלויב אייך, דאקטאר ! ווייל איך האב אליין געזעהן די סעמעטערי וואו אייערע פאציענטען שלאפען. — איך האב ליעב אויםצוזאגען פון חדר . . .

הקדמה

יתענגו השומעים ויבינו המבינים

רעיון לחזוק התורה ולסיום

רש"י בסדרה פנחס, „מנה עליהם מנהיג שיהא סובל כאו"א לפי דעתו.

טייערע פריינד !

אַט האָט איהר מיין פערטהען טהייל „**תבת נח**", דרשות צו דעם חומש **במדבר**.

איך רוף אָט דעם ספר „**רעוו-רעד**" בוך, ווייל כשמו כן הוא — עס איז דא אין דעם ספר גוטע רעדעס, אבער ניט קיין דינים. איך וויל ניט אז איהר זאָלט ווערען אזוינע לומדים, אזוי ווי יענער **פורים רב** . . . .

מען האָט אמאָהל געפרעגט א „פורים רב" א שאלה אויף איין עוף, מיט א צובראָכענעם פיסעל. האָט ער געזוכט די תשובה אין „כיצד הרגל". אויב אָבער מען וועט אייך יא פרעגען שאלות, און ווי דער מנהג איז, אייך זאָגען האָט קיין פאראיבעל ניט רבי! זאָלט איהר פרעגען דעם בעל השאלה, אזוי ווי דער מאסקווער רב פלעגט פרעגען: קיין פאראיבעל ניט ? און קיין ריבעל אויך ניט ? דער מאסקווער רב וויל שכר טרחא.

ווען יעקב אבינו האָט דערזעהן רחל'ען האָט ער געוויינט, „וישא את קולו ויבך" (ויצא). איז דאָך א קשיה

סטייטש ! פארוואס האָט ער געוויינט ? און דער לשון „וישא" איז דאָך אויך קשה, צו וואס האָט ער נאָך אויפגע־הויבען זיין קול ?

עס איז מעגליך אז די תורה וויל דאָ אויסדריקען די לאגע פון דעם „יעקב הכללי", דעם ישיבה בחור פון שם ועבר. אז א כלה דערזעהט א ישיבה בחור איין אָרימאן (רש"י: בידים ריקניות). און קיין בעל מלאכה איז ער דאָך אויך ניט, פרעגט זי אָט דעם חתן : יאנקעל ! פון וואס וועלען מיר מאכען א לעבען ? פון וואנען וועלען מיר צאָהלען רענט ? „וישא את קולו" ! ענטפערט יאנקעל : איך האָב דאָך א מויל, איך וועל זיין איין אנאונסער אויפ'ן ראדיא, א קאָמענטייטאָר, איך האָב א קול, איך וועל זיין א חזן, א רעווערענד . . . „ויגל את האבן מעל פי הבאר", איך קען זאָגען א דרשה אויף דער תורה, וועלכע איז א „באר מים חיים"; איך וועל רעווען און ברענגען „פיידע", פודה משחת, ד"ה אפילו פון אונטער דער ערד, אָבער דער רעווערענד דארף זיין אין דער בחינה (פארם) פון רבקה'ן.

„ותמהר ותרד כדה ותאמר", דער רעווערענד דארף קענען זאגען גוט און שנעל, אָט דערפאר גיב איך אייך א ספר אין דער בחינה פון רבקה'ס כד. און איהר רעווערענד דארפט זיין אין דער בחינה פון דמשק אליעזר, דעם ווארט דמשק טייטשט רש"י „דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים" — איז דאָך א קשיה : פארוואס זאגט עס די תורה אין איין (1) ווארט ? דער ענטפער איז : די תורה וויל אונז לערנען, ווי אזוי א רב קען זיך מאכען באליעבט ביי דעם עולם דערמיט וואס ער זאל זאָגען קורץ און גוט, פשוט ! אלעם אין איין ווארט.

איהר, רעוורענדס! זייט דאך די גייסטיגע דאָקטוירים

(מנהיגים) פון פאָלק. איהר דארפט סובל זיין כאו"א. (רש"י אחרי) משל לחולה שנכנס אצלו רופא, אמר לו: אל תאכל צונן ואל תשכב בטחב, שלא תמות כדרך שמת פלוני. דער־פון לערנען מיר אז א דאָקטאָר מעג אָנשרעקען א חולה, אז ער וועט ניט אויספאָלגען פונקטליך זיינע אינסטראקשאָנס וועט ער חו"ש שטארבען. ד"ה דער דאָקטאָר קען זאגען צום קראנקען: מיסטער! איהר ווילט וואוינען אין די בראנקס, וו. הייטס? אָדער אויף מט. חברון? געוועהנליך זאָגט דער חולה, חו"ש! איך וויל ניט וואוינען אויף דעם מאונט חברון! — נו, טאָ אויב אזוי, פאָלגט אוים מיינע אינסטרוקציעס. „זה זרזו", ער מעג איהם זאָגען „זאראַז", (בלע"ז) זאראַז קענסטו זיין חו"ש אויף מאָונט חברון.

א דאָקטאָר טאָר אָבער אויף קיין פאל ניט, ענטמוטי־גען דעם חולה, מען טאר ניט זאגען דעם חולה אז ער איז אונהיילבאר, — מיר געפינען אז ישעיה הנביא איז בא־שטראפט געווארען דערפאר וואס ער האָט געזאָגט „בתוך עם טמא שפתים אנכי ישב" (ישעי' ו). א ברענענדיגער מלאך איז באלד געקומען צופליהען, און א פייערדיגע קויל וועלכע האָט אין זיך געהאט אזוי פיעל פייער, וואָס ער האָט געמוזט האלטען מיט א צוואַנג, און ער האָט מיט דעם פייער אָנגעריהרט ישעיה'ס ליפען.

איז דאָך אין פלוג א קשיה: סטייטש! עס זיינען דאך געווען נאך נביאים וואס האָבען געשטראָפט דעם פאלק, און פיעל מאָהל אָנגעריהרט דעם כבוד פון פאָלק! טאָ פארוואס זיינען יענע נביאים ניט באשטראפט גע־ווארען?

דער עטנפער איז: ווייל אָט מיט די ווערטער האָט ישעיה הנביא געוואלט אויסדריקען דעם געדאנק אז דער פאלק איז חו"ש אונהיילבאר, ווייל פונקט ווי ווען מען

כשר'ט חמץ'דיגע כלים לעגט מען דאך אריין פון פייער אַנגעגליהטע שטיינער אין א ריינער כלי צוזאמען מיט אַט די כלים, אזוי איז אויך דער יצר הרע, וועלכער ווערט אַנגערופען בדרך רמז „חמץ" (שאור שבעיסה) — קען מען איהם אויסרייניגען אַט דעם חמץ, דורך די פייערדיגע ווערטער פון דער תורה „כה דברי כאש", און די ליפען דארפען דינען אלס א כלי טהור. (ברכות ה') „נצחו מוטב ואם לאו יעסוק בתורה". אבער אויב די ליפען זיינען שוין חו"ש טמא, הייסט דאָך עס חו"ש אז ער איז שוין אונהייל-באר, ווייל די כלי דורך וועלכע מען וואָלט געקענט כשר'ן דעם חמץ איז טמא.

דערפאר האָט דער פייערדיגער מלאך גענומען א שטארק-פייערדיגע קויל פון מזבח, וואָס אפילו ער אליין האָט עס געמוזט אָננעמען מיט א צוואנג, און ער האָט מיט אַט דעם פייער אַנגעריהרט ישעיה'ס ליפען און גע-זאָגט: ישעיה! די תורה איז פייער, זי כשר'ט דעם גרעס-טען חמץ! „משכהו לביהמ"ד אם אבן הוא נמוח" — ענטמוטהיג ניט דעם פאלק, טרייסט איהם און הייל איהם! זאג איהם אז די תורה איז א מרפא לכל בשרו, און ישעיה הנביא האָט דערפאר אין יעדער שטיקעל מוסר, אריינגע-מישט א טרייסט ווארט.

חזון ר"ת **ח**ציו **ז**עם **ו**חציו **נ**חומים — לערענט זשע, אידען, ברידער, די תורה! און אויב איהר קענט אליין ניט לערנען, שטיצט די בני-תורה, ווייל די תורה איז דער בעסטער מעדיצין.

איך מיש אריין זעהר אסאך וויצען אין אַט די שטיק-לאך תורה, און א פּאָר משלים.

איין אָרימער פּאָעט פלעגט זעהר אסאך טרינקען

בראנפען ביי א קרעטשמאר, אָהן געלד. דער קרעטשמאר פלעגט ווי געוועהנליך אריינגיסען א היבש ביסעל וואסער אין דעם בראנפען, פלעגט דער פּאָעט אויסזינגען מיט א טרויעריגען נגון : „סבאך מהול במים״ ! דער קרעטשמאר, איך ניט קיין נאַר, פלעגט איהם ענטפערען מיט דעם זעלבען נגון : „כספך היה לסיגים״. — עס איז ניטא דער אגרא לפום צערא. איך טרייסט זיך נאר דערמיט וואס נאָך אסאך טאלאַנטפאָלע מענשען ווערען ניט אנערקענט, און עס איז א צרות רבים.

דער גרויסער פיאַניסט פּאַדערעווסקי האָט אמאָהל געגעבען א קאָנצערט אין קארנעגי האָל. זיינען געזעסען צוויי מיליאָנערען, וואָס זיינען געוועזען אין זייערע יונגע יאָהרען קעשענע גנבים. זאָגט איינער צום צווייטען : דו זעהסט ! א מענש האָט אזוינע גאָלדענע פינגער, און ער באַגראָבט זיי פאר גאָרניט.

אָדער, איך האָב אמאָהל באגעגענט א גרויסען אַקטיאָר אויף סעקאָנד עווענױ, מיט א שטיוועל אין האנד. פרעג איך איהם, צו וואס טראגט איהר עס ארום ? זאָגט ער, ביי מיין נעכטיגער פאָרשטעלונג האָט מען דאס מיר געוואָרפען, און היינט ערוואַרטע איך דעם צווייטען. איך בעט אייך דערפאר טייערע פריינד ! באגרייפט אביסעל מעהר אונזער טרויעריגע לאגע, און העלפט די טאלאנטפאלע שרייבער און רעדנער.

אָבער, ביטע, טהוט עס מיט מוטה, מיט אימפּעט און קוראזש! אקוראט ווי איך אלס רב, שרעק זיך ניט צו דערצעהלען א וויץ, וואס עס פאסט זיך אפשר ניט פאר א רב, אָבער איך טהו עס צוליעב דער תורה !

יעקב אבינו האָט געזאָגט : „עם לבן הרשע גרתי,

ותרי"ג מצות שמרתי, ולא למדתי ממעשיו הרעים, (רש"י וישלח). איז דאָך אין פלוג די ווערטער „ולא למדתי ממעשיו הרעים" איבעריג. אז ער זאָגט „ותרי"ג מצות שמרתי", איז דאָך שוין ממילאָ „ולא למדתי ממעשיו הרעים", נאר דער פשט איז אזוי: גאָט האָט גורם געוועזען, אז יעקב זאָל זיין ביי לבן'ען ניט אומזיסט; נאר כדי יעקב זאָל זיך אָפּלערנען צו טהאָן מצות, מיט אזא אימפעט, אקוראט ווי לבן טהוט זיינע עברות מיט אזא זריזות.

דארום האָט יעקב באדויערט, וואס חאטש ער האָט אָפּגעהיט די תרי"ג מצות, אָבער ער האָט זיך ניט אויס־געלערענט פון לבן'ען צו טהאָן דאָס מיט אזא זריזות, ווי ער טהוט זיינע מעשים רעים.

למשל, מיר קענען זיך לערנען פון גנבים צו זיין גוטע מענשען. אָט אקוראט ווי א גנב, גנב'עט ביינאכט ווייל ער וויל ניט אז מען זאָל וויסען אז ער גנב'עט, אזוי דארפען מיר טהאָן צדקה אָהן אדווערטייזמענט, נאר שטילערהייד, מען זאָל אפילו ניט וויסען ווער עס גיט די צדקה, ובזכות הצדקה וועט זיין „ושביה בצדקה".

במדבר

אינסטאליישאָן פון בעאַמטע

רבותי ! די תורה הייסט אונז מאַכען בעאַמטע. „הפקד את הלוים", טייטשט רש"י : לשון שררה. — אָבער אין תהלים ק"ט, זאָגען מיר דאָך „הפקד עליו רשע", טא ווי פאסט עס צו נוצען דעם זעלבען ווארט וואס מען נוצט ביי דעם רשע, ביי די הייליגע לוים ?

דער ענטפער איז פשוט : מיר וועלען טייטשען דעם פסוק אין תהלים אזוי : הפקד ! איז עליו רשע. ד"ה, עס טרעפט זעהר אָפט, אין אונזער יעצטיגער וועלט אָרדנונג, אז די בעאַמטע זיינען נאר בעאמטע אין נאָמען, אָבער אין דער אמת'ן איז דאָ א געוויסע גרופע, וואס רעגיערט און באלעבאטעוועט אויף דער וועלט, מיט דעם כח פון שרעק, **פחדך** ! דאָס מיינט מען געלד. „פחדך" איז גימט' „געלט". אָט די געלד מאַגנאַטען, זיי קאָנטראָלירען די וועלט, זיי יאגן ארויף דעם „פחדך" דעם שרעק, אויף דער אָרימער, פארשקלאפטער מענשהייט, און אפילו די העכסטע בע-אַמטע, זיינען ביי זיי ניט מעהר ווי פשוט'ע משרתים, אָדער ניט מעהר ווי א כלי-אומן, ד"ה א ווערקצייג אין זייערע הענט.

אפילו די זאָגענאנטע מאָראל פרעדיגער, אָט אָ די צדיקים, זיינען אויך פארשקלאפט צו אָט דעם „פחדך", (צו די געלט). ווייל נאָך דעם „ובכן תן פחדך" זאָגען מיר „ובכן צדיקים יראו וישמחו" ! ד"ה, אז די צדיקים דער-זעהן די גימט' פון פחדך, ווערען זיי פרעהליך.

ניט אומזיסט וויינען מיר, אָרטאָדאָקסישע אידען, ר"ה ויו"כ, ביי די תפלות פון „תן פחדך". די ערשטע זאך וויינען מיר אויף דער קאָרופּציאָן וואס עקזיסטירט אויף דער וועלט, צוליב די געלד מאגנאטען.

און צווייטענס, בעטען מיר פּשוט מיט טרעהרען אין די אויגען: רבש"ע! תן פחדך! גיב א פּאָר טאלער! מען דארף דאָך לעבען — חיונה, טאטעלע! ווען מען האָט אָט דעם פּחדך, דארף מען דאך ניט אָנקומען צו קיין מתנת בשר ודם, און אפילו ניט צו קיין הלואה, איבערהויפּט דער אָרימאן, וואָס האט נאך קליינע קינדערלאך, טא ווער וועט איהם דען לייהען?

(איין אָרימאן איז אמאָהל געקומען צו א גביר, ער זאָל איהם לייהען א פּאָר דאָלאר אויף מאַכען שבת. צייגט איהם דער גביר א סיין, אז ער נעמט אויף אָרימע בלויז מאָנטאג פון 1 ביז 3. זאָגט דער אָרימאן, יעצט פארשטעה איך פארוואָס מיר זאָגען אין בענשען „ומפרנס אותנו תמיד בכל יום בכל עת ובכל שעה. טאָ זאל מיר שוין בעסער גאָט העלפען).

ניט אומזיסט רעכענט אוים די מגילה די נעמען פון המן'ס קינדער, ווייל המן האָט געזאָגט צו אחשורש'ן ער וועט אומקעהרען דעם היזק וואס די לאנד וועט פארלירען אין טעקסעס פון די אומגעקומענע אידען. — רופט זיך אָן אחשורש: וואו ועסטו נעמען? זאָגט המן, אז די קינדער וועלען איהם געבען. — סטייטש! האָט אויסגעשריגען אחשורש, דו האָסט א זוהן א דלפון, טא וואו וועט ער נעמען? רופט זיך אָפּ המן, אז דלפון וועט געבען א שטר חוב, (א וועקסעל). זאָגט אחשורש: —נו, און ווער וועט דאָס אינדאָרסען? רופט זיך אָפּ המן: —דו ווייסט דאָך א כלל, אז דלפון גיט א וועקסעל גיט ויזתא אן אינדאָרס-

מענט. אָבער ווער עס האָט ניט קיין קינדער ויזתא׳ס, מוז אויסבעטען ביי גאָט אליין דעם „פחדך״.

דערפאַר וויל איך צו אייך זאָגען, איהר אונזערע בעאַמטע, זאָלט זיך ניט פאַרקויפען פאַר דעם „פחדך״! איך וועל אייך דערצעהלען איין אמת׳ע מעשה:

א רייכער ניו יאָרקער ביזנעסמאַן, א פאַריער איז גע־פאָהרען אין לייפסיג אויפ׳ן יריד. האָט ער מיטגענומען מיט זיך זיינעם א יונגען באָי. ווען זיי זיינען אריין אין איינעם פון די גרעסטע לייפסיגער רעסטאָראַנען און דער אמעריקאַנער באָי האָט דערזעהן דאָרטען זעהר פיעל מענשען מיט אויסטערלישע, קאָמישע מלבושים. האָט ער זיך זעהר צולאַכט. האָט דער פאָטער אָנגעשריען אויף איהם, און געזאָגט — לאָך ניט פון די מענשען, זיי קומען פון זעהר ווייטע לענדער; אין יענע לענדער געהט מען אזוי אָנגעטהאָן. רופט זיך אָן דער באָיטשיק: דעדי! פון אזוי ווייט האָבען זיי דאָס געמוזט גראָדע אהער קומען עסען?

רבותי! איהר ווייסט ווער דער נארישער באָיטשיק איז? דאס זיינען די נארישע מענשען וואס דענקען אז זיי זיינען באשאפען געווארען אויף דער וועלט צוליעב דעם עסען און טרינקען.

אָט דערפאַר באַנוצט זיך די תנ״ך שפּראַך מיט דעם נאָמען כסיל אויף א שלעכטען מענשען, אויף א רשע. ווייל דער רשע באַגרייפט ניט, ער איז נאַריש, ער מיינט אז דער גאַנצער צוועק פון דער וועלט, איז נאָר עסען, טרינקען, און תאוות הבהמיות. דערפאַר מאָרדען זיי, שענדען, ראַ־בעווען, כדי צו דערגרייכען דעם מאָמענט, וועלכער גע־דויערט בלויז אזוי ווי דער שאָטען פון א פויגעל, וואס

פליהט פארביי, די סעקונדען פון דער תאות הבהמיות.

איהר, בעאמטע אונזערע, זאלט וויסען, אז די תורה (אין במדבר ט"ו) רופט אייך אן, „די אויגען פון דער געמיינדע" ! „והיה אם מעיני העדה נעשתה לשגגה" ; ווייל אזוי ווי די ליכטיגע אויגען, צייגען דעם מענשען וואו צו געהן, און וואס צו טהאן ? אזוי זייט איהר, בעאמטע, די ליכטיגע אויגען פון אונזער מאראלישער עקכפעדיציע.

צום באדויערען זיינען ביי אונז דא אזוינע גבירים, וואס גיבען גאלד, ווען מען מאכט איין עגל. ד"ה ווען זיי שטארבען און מאכען צו די אויגען. דאן ווערט גענומען פון זייער גאלד, אויף געוויסע צוועקען, אבער ביים לעבען גיבען זיי נים.

רבותי ! מיר אידען זיינען א פאלק וואס עס וואלט אונז אלעמען געפאסט צו זיין בעאמטע, און אזוי אויך אלע דעמאקראטישע מענשען, ווייל דעמאקראטיע איז די אידעע פון תנ"ך. „אתם נצבים כולכם" ! — טייטשט מען : אתם נציבים ! איהר זייט אלע ראוי צו זיין נציבים !—„ישראל" איז די אותיות „לי־ראש".

נאר אזוי ווי מיר האבען עלעקטעט מיט אלעמענס איינשטימונג אט די בעאמטע, דארפען מיר זיי העלפען אין זייערע פלענער פאר'ן וואהל און בעסטען פון אונזערע דעמאקראטישע און מאראלישע אונטערנעמונגען.

צו אייך בעעאמטע, וויל איך אבער זאגען בלויז דריי אותיות : א. ב. ג. דאס מיינט, **א**ידען **ב**רענגען **ג**עלד. אבער עס זאל ניט זיין **א**ון **ב**עאמטע **ג**נב'ענען.

מיר לערנען אין דער תורה אז אין גלות איז „וימררו את חייהם" ד"ה, עס זיינען דא אזוינע רשעים וועלכע דער

„וימררו״, די ביטערע לאגע פון אידען, איז „חייהם״. מאכען זיי א לעבען דערפון, ר״ל. אָבער איהר זאָלט זיין אָרענטליך, און מיט איין אמת׳ער איבערגעבענהייט, אר־בייטען פאר דער מענשהייט. איהר זאָלט ניט זיין די באַ־דינער פון די רשעים, נאר איהר זאָלט זיין די שמשים ביים פאָלק. אָבער מען זאָל אייך ניט דארפען צייגען די אותיות פון דער חנוכה דרעידעל נ ג ה ש ד״ה, ניט גנב׳ע היינט שמש! מען זאָל אויף אייך קענען זאָגען לא כחל לא שרק ולא פירכום (כתובות) ר״ת אותיות כסף (זסשרץ מתחלפות).

עס זאָל ביי אייך ניט פאסירען דאָס וואס האָט פאַ־סירט אין א בערלינער טעאטער אין 1942. — היטלער האָט זיך פארשטעלט אין אנדערע קליידער און איז אריין אין א טעאַטער, מיט׳ן צוועק צו אונטערזוכען, ווי ווייט דער פאָלק גלייכט איהם?

דער פאָרהאנג האָט זיך אויפגעהויבען און די מיוזיק האָט געשפיעלט מיט גרוים אימפעט, דעם „העיל היטלער״. אלע אָנוועזענדע האָבען זיך אויפגעהויבען מיט אמאָהל אזוי ווי איין (1) מענש. היטלער איז געזעסען זעהר א צו־פרידענער... איז צוגעגאנגען צו דעם אונבאוואוסטען גאסט דער אויפזועהער פון טעאטער און געזאָגט: „אום גאָטעס ווילען! מיין הערר! עס איז וואהר אז מיר האָבען דעם נידערטרעכטיגען הונט היטלער אין דער ערד, אָבער מיר מוזען דאָך האנדלען לויט׳ן געזעץ, פילייכט זיינען דאָ די הינטישע אגענטען פון זיין געסטאַפּאָ.

זעהט זשע, איהרווירדיגע בעאַמטע! פרעזידענט, וויים-פרעזידענט און אלע אנדערע בעאַמטע! אז מיט אייך זאָל אזעלכעס ניט פאסירען. זעהט אז דער פאָלק זאָל אייך מיט איין אמת ליעב האָבען.

דרשה ב׳

לצדקה ואמונה (מהפטרת במדבר)

„וארשתיך לי בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים, וארשתיך לי באמונה„ .

רבותי ! א איד האָט מיך געפרעגט פארוואס די שוהלען רופען זיך מיט אזוינע נעמען, ווי „אוהב צדק״, „שומרי אמונה״, „אנשי חסד״, ״רודף שלום״, און נאָך אזוינע נעמען ? סטייטש ! ווי וואָלט מען דען געדענקט אז די שוהל-געהערם זיינען חו״ש ניט קיין מאמינים אין גאָט ? אָדער זיי זיינען חו״ש ניט איינפארשטאנען מיט די מצוות פון צדקה, חסד, און שלום ? מקמ״ל ? וואָס פאר א נייעס לאָזען אונז די נעמען הערען ?

האָב איך דעם אידען געענטפערט, אז אין א געוויסער שטאָדט, וועלכע האָט געהאט א נאָמען אלס שלעכטע מענשען, איז דאָרטען געווען א רב, א גרויסער צדיק. איז דאָך א קשיה : מה לכהן בבית הקברות ? איז דער תירוץ, אז אזוינע מענשען דארפען א רב מיט גרויסע פלייצעס, אָט דערפאר דארף מען יעצט אזוינע שוהלען מיט אזוינע נעמען. . . .

דער עיקר איז אז אָט די נעמען זאָלען ניט זיין אין דער בחינה פון יענער כלה וואָס האָט געטייטשט, „שמחתי באמרים לי בית ד׳ נלך. ד״ה, איך בין פרעהליך צו געהן אין שהול ווייל דאָרטען וועט מיר דער חתן זאָגען מקודשת לי. דאָס איז איין „אהבה התלויה בדבר״, אזוי טרעפט אין דער וועלט, אז פיעלע זאכען, וואָס דער תוך פון זיי איז ניט קיין אמת׳ער, למשל איינינגע שוהל-געהערם, טייטשען „וארשתיך לי **בצדק**״ עפ״י ר״ת : **ביז צו דער קעשענע**.

אַט טאקע דערפאר דארף מען שוהלען **אוהב צדק**, עפ״י ר״ת, **א**ידען **ו**וארימע **ה**ייסע **ב**רידער, **צ**וברעכט **ד**עם **ק**ארג (ניט דעם קאַרק, נאר די קארגשאפט) — דערווארט **שבר** האַט צוויי טייטשען : „שבר״ מיינט שפייז ; און שבר מיינט א בראך. ד. ה„ אז דער ווארט שבר שטעלט מיט זיך פאר דעם געדאנק, „ברעכט דעם קארג און שטיצט די אַרימעלייט״.

די גמרא (ברכות ו) זאגט : אגרא דתעניתא צדקתא. ווייל אין דעם ווארט **תענית** ווערען אויסגעדרוקט צוויי ווערטער : **תת עני**.

זייט ניט ווי יענער קמצן וואס רופט זיך „נתן״. אָדער ווי יענער קברן וואָס רופט זיך „חיים״, אָדער ווי א איד א הוסטער, וואָס רופט זיך „לייב״ ; אָדער ווי דער קבצן וואס רופט זיך „רייכמאן״. אַט די לייטע זיינען דאָך ניט שולדיג — מען האָט זיי אזוי א נאָמען געגעבען ! אָבער איהר האָט דאָך אליין זיך אזוי א נאָמען געגעבען, דארפט איהר פראקטיצירען דאָס וואס אייער נאָמען שטעלט מיט מיט זיך פאָר, איהר דארפט ברעכען אַט די תאוה וואס איז אפילו ביי עלטערע מענשען אויך ניט בטול.

דאָס מיין איך די תאות הכסף, ווייל דאָס איז דאָך א דבר שבמנין, און א דבר שבמנין איז דאָך אפילו באלף לא בטיל. זייט ניט ווי יענער איד וואָס קלאָפט מיט דער פושקע ביי לויות, — איינמאָהל ווען ער האָט געקלאָפט מיט דער פושקע „צדקה תציל ממות״, אויף קאַנאַל סטריט, פרעג איך איהם : וואו איז דער מת ? זאָגט ער : אין ברוקלין. פרעג איך איהם : טאָ פארוואָס זשע שרייט איהר „צדקה תציל ממות״ אויף קאנאל סטריט ? זאָגט ער — צוליב אייערע פאָר סענט זאָל איך אייך ברענגען דעם מת פון ברוקלין אהער ?

איהר רבותי ! האָט דאָך די געלד געקריגען, טאָ וואָס דארפט איהר מאַכען איין אונטערשיעד, אויב דער עני כמת איז פון ברוקלין, אָדער ער איז פון איין אנדער אָרט ?

א חזן האָט מיר אמאָהל געזאָגט : ווייסט איהר פארוואס א חזן איז א נאַר ? ווייל ער בעט פאר יענעם, — דערמיט האָט ער מיר געגעבען אָנצוהערעניש אז מען דארף בעטען פאר יענעם, אָבער מען דארף זיך אויך נעמען, אָט דאָס איז די כונה פון דעם מאמר (ר"ה יז) : נתעטף הקב"ה כשליח צבור. דער רב"שע וויל אז מען זאָל טהאָן ווי א חזן, בעטען פאר יענעם, מען זאָל ניט זיין קיין עגאָאיסט, אָדער א מתעטף אין שעהנע רעקלאַמעס, און מאַכען איין אָנשטעל פון א צדיק, אָדער פון איין בעל-המעלות, „ולא תעלה במעלת על מזבחי, אשר לא תגלה ערותך". ד"ה אויב דו וועסט זיך מאַכען פאר א בעל-המעלות, וועט דיין שאַנדע (ערוה) נתגלה ווערען.

אין דער מחלקת פון ב"ש וב"ה, וואס ב"ש ווילען אז מען זאָל צום ערשטען אָנצינדען ח' נרות, און נאָכדעם אלע נעכט וויניגער, געפין איך דעם געדאנק :

ב"ש האָבען געהאלטען אז מען דארף אויסראָטען די פינסטערניש מיט איינמאָהל, ווען די פינסטערע עלע-מענטען ווערען אלע טאָג וויניגער. אָבער ב"ה האלטען אז מען קען צוביסלעכווייז אפילו די פינסטערע עלעמענטען אויך ליכטיגער מאַכען.

מען דארף ניט טהאָן ווי יענער ישובניק וואָס האָט פארקאטשעט די סליוום און זיך געקלאַפט מיט ביידע הענט אין הארצען „על חטא". אז מען האָט איהם געפרעגט פארוואס ער טהוט אזוי ? האָט ער געענטפערט : אזוי

זוי ער איז געקומען שפעט, וויל ער אָניאָגען דעם עולם. מיר האָבען אסאך אזוינע מענשען וואָס ווילען אניאגען יענעם. . .

עס האָט אמאָהל געטראָפען אז א רבאַי האָט מסדר קדושין געווען, און אזוי ווי דער חתן האָט ניט געקענט זאָגען דעם „הרי את", האָט דער רבאי אָפגעזאָגט אליין דעם גאנצען „הרי את מקודשת לי"; דערנאָך האָט דער רבאי געמוזט אָפ'גט'ען די כלה, און די גרעסטע צרה איז געווען, וואָס דער ריכטיגער חתן איז געווען א כהן. —

פון איילעניש קומט ניט ארוים קיין גוטעס. אָט דער־פאַר זאָגט דער נביא „וארשתיך לי בצדק ובמשפט", מיר זאָלען ניט זיין אין דער בחינה פון „ומשפטים בל ידעום".

אמאָהל קומט גראדע יא ארוים פון איילעניש א דבר המתוקן.

עס איז אמאָהל געווען איין עפידעמיע, וואָס אסאך פרויען זיינען געשטאָרבען ר"ל. האָט דער רבי געהייסען א וואסער פיהרער, ער זאָל דאוונען פאר'ן עמוד. פון דער נאַטור איז א וואסער פיהרער א געאיילטער, און פון איי־לעניש האָט ער געזאָגט „מברך הנשים". דער רבי האָט געהייסען דעם עולם זיך צואיילען און ענפערען „אָמן". און די עפידעמיע האָט אויפגעהערט.

רבותי ! איילט זיך צו און גיט צדקה. אָבער איילט זיך ניט צו פאראורטהיילען יענעם

חסידים האָבען געהאט א טענה צו א ליטווישען רב, פארוואָס ער געהט קורץ געקליידעט ? ! האָט דער רב געענטפערט, אז משיח דארף אויך קומען אין קורצען.

די צרה איז אָבער וואָס זיי זיינען מהפך די התנהגות.

ירמיה הנביא קלאָגט אויף דעם (ירמיה ב) : — האמרים לעץ אבי אתה, ולאבן את ילדתני. ווען דער טאַטע ליגט שוין אין דעם האלצענעם באָקס, דאַן ווערען זיי גע־טרייע קינדער, און שרייען : אבי אתה ! ולאבן : ווען מען שטעהט ארום דער מצבה, שרייען זיי דאַן : את ילדתני ! ניין רבותי ! ניט אזוי דארף מען זיך פיהרען.

דער **רבש"ע** איז דאָך א בוחן לבבות, און ער ווייסט דאָך אויב די געטריישאפט איז איין אמת'ע. א גאָלדענעם גאָט קען מען אָפּנארען, — א איד וואָס איז געווען א בעל יועץביים קייסער, פלעגט זיך קיינמאָהל ניט בוקען צום גאָלדענעם גאָט, וואָס איז געשטאַנען ביים קייסער אין פּאלאַץ. האָט עם דעם קייסער פארדראָסען, און ער האָט געפרעגט דעם אידען פארוואס ער באליידיגט זיין אמונה? האָט ער געענטפערט : אדוני המלך ! איך האָב באמערקט ווי מענשען בוקען זיך צו אָט דעם גאָט, און ער ענטפערט ניט צוריק אפילו מיט א שאָקעל פון קאָפּ . . .

רבותי ! זייט ניט ווי דער גאָלדענער גאָט. ענטפערט די אָרימע לייט, מיט דעם „ואהבת לרעך כמוך". ווען איך דערמאָן זיך אין דעם וואָרט „כמוך", געהט דורך איין עלעקטרישער שטראָם דורך מיין גאנצען קערפער; טראָ־פּענס פון זודיגען שוויים באדעקען מיין שטערען ! ווייל איך זעה ווי אויף דעם איינעם ווארט איז דאָ גאנצע בערג מיט חכמה, און איך זעה ווי די צייט איז קורץ אלעס צו לערנען.

די **תורה** דריקט אוים מיט דעם וואָרט **כמוך** ! אז אזוי ווי דו מענש ! ביי דיר אליין, חאָטש דו האָסט ליעב דיינע אלע אברים, דאָך ווען איימיצער וויל דיך שלאָגען,

פארשטעלסט דו מיט דיין האנד דיינע אויגען, און ווילסט ראטעווען דיינע אויגען! אזוי זאָלסט דו צום אלעם ערשטען פארטיידיגען מיט ליבע דיינע חכמים פון פאָלק, וועלכע ווערען אָנגערופען „עיני העדה״.

אָט דערפאר זאָגט די תורה ביי צדקה, „פתוח תפתח את ידך״! ווייל ווען מ׳עפענט אויף די האַנד, זעהט מען אז ניט אלע פינגער זיינען גלייך. ניט אלע מענשען זיינען נויטיג אין די זעלבע הילף. אָט למשל איז א וואסער טרעגער געקומען צו ר׳ מאיר׳ל־ען און געוויינט : רבי ! איך קען ניט פיהרען קיין וואסער, מיין פערד איז געפאלען ! שרייט אויף איהם דער רבי : אז מען קען ניט פיהרען, טראָגט מען ! דו פארשטעהסט ? טראָג ! און ער שרייט : איך קען ניט טראָגען, איך וועל ניט טראָגען! — דערווייל קומט איין עקרה צום רבי׳ן און וויינט : רבי ! איך וויל האָבען א קינד ! — שרייט אוים דער רבי : גיב אָט דעם אידען געלט, זאָל ער קויפען א פערד; ער וויל ניט טראָגען, טאָ טראָג דו !

דער עיקר אָבער אז איהר זאָלט ניט זיין שלעכט און שטיצען אָרימע לייט; איהר זאָלט ניט זיין אזוי ווי יענער רשע, וואָס האָט געגעבען דעם שמש א דאָלאר איין מאָהל אין א יאָהר, האָט דער שמש געמאַכט אויף איהם א ברכה: המחזיר נשמות לפגרים מתים.

אום צו האָבען א באגריף וויאזוי אייניגע מענשען פאלען שטארק פאר די געלד, וועל איך אייך דערצעהלען פאָלגענדעס :

א פריץ האָט באגעגענט א אידען אויפ׳ן וועג, און אזוי ווי דער איד האָט ניט אראָפגענומען די היטעל פאר איהם, האָט דער פריץ געכאַפט זיין בייטש, און גענומען

שמייסען דעם אידען. ביי דעם צענטען שמיץ האָט דער איד געחלש'ט, און איז ערנסט קראנק געווארען.

מען האָט דעם פריץ ארעסטירט, און איהם שטראַפירט מיט 100 דאָלאר פאר יעדען שמיץ, ס"ה 1000 דאָלאר. דער איד איז געשטאַנען אין געריכט הויז זעהר פארטרויערט. פרעגט מען איהם, פארוואס זענט איהר אַזוי אומעטיג? האָט ער געענטפערט: עס טהוט מיר לייד, אָט ווען איך האָפּ אריין האָטש נאָך א צעהן שמיץ, וואָלט איך דאָך געהאָט א היבשע פאָר דאָלער.

רבותי! ווארט ניט מען זאָל אייך שמייסען, גיט געלד, שטיצט די אָרימע!

צדקה האָט אין זיך אזא כח, אזוי ווי די גמרא זאָגט (תענית ז) ומתלמידי יותר מכולם. דאָרטען איז דער פשט אזוי: די תלמידים טהוען דאָך מיט'ן רבי'ן מתן בסתר, ער לערענט פון זיי, האָטש די וועלט דענקט אז זיי לערנען פון איהם נאר, וד"ל.

דרשה ג׳ — למתן תורה ולאחדות

„וארשתיך לי לעולם, וארשתיך לי בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים". (הפטרת במדבר).

גאָט זאָגט צו דעם אידישען פאָלק : „איך וועל דיך מקדש זיין צו מיר פאר א פאָלק אויף אייביג ! און דאָס זיינען די כלה־מתנות וואָס איך וועל דיר געבען : גענאָד און דערבארימקייט, אָבער אייער פליכט אלס מיין עם— איז צו טהאָן צדקה און משפט.

רבותי ! פארוואָס זאָגט דער נביא הושע **לעולם** ? עס איז דאָך פארשטענדליך אז ווען מען טהוט א שידוך איז עס דאָך אויפ׳ן גאנצען לעבען.

נאר דער ענטפער איז פשוט: עס זיינען דאָ אזעלכע מדינות וואָס די מענער פון דאָרטען האָבען מורא זיך צו פארבינדען מיט די פרויען פאר זייער גאנץ לעבען, ווייל די פרויען דאָרטען זיינען נישט קיין געטרייע.

אָט למשל, איז געקומען א מאַן צום דאָקטאָר און באַקלאָגט זיך אז ער האָט א געשוויר. זאָגט דער דאָקטאָר: לאָמיר א קוק טהון אויף דער מכה. זאָגט דער מאַן, איך וועל זי שוין ברענגען !—סטייטש ? ! וואונדערט זיך דער דאָקטאָר, וואָס איז דאָס פאר אזא מכה ? — זאָגט דער קראנקער: — איהר פארשטעהט, אונטער׳ן פאַכווע האָב איך א קליינעם געשוויר ל״ע. אָבער מיין אמת׳ע מכה זיצט אין הויז . . !

איין אלמנה איז אמאָהל געקומען צו א רב, און זיך באַקלאָגט אז דער מאַן האָט איהר גאָרנישט איבער־געלאָזט אין זיין צוואָה. — זאָגט דער רב צו איהר : און

ווי איז אייער מאַן געווען צו אייך ביים לעבן ? — זאָגט די אלמנה : ביים לעבן האָט ער מיר א סך מאָהל איבער־געלאָזט !

אָדער עס האָט אמאָהל פּאַסירט אז ביי א מאַן איז געשטאָרבען זיין פרוי. די גאַנצע שטעדטעל איז געגאַנגען צו דער לויה. אויף'ן וועג האָט זיך דער וואָגען איבערגע־קעהרט, די טויטע איז ארויסגעפאלען, פון קלאַפּ האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון איהר הינערפלעט, און איז לעבעדיג געוואָרען. דער מאַן האָט זי געבראכט אהיים און זי האָט געלעבט נאָך צעהן יאָהר, און איז געשטאָרבען. ווען מען האָט ארויף געלעגט די טויטע אויפ'ן וואָגען, איז דער מאַן צוגעגאַנגען צום אַנטרייבער און איהם שטילערהייד געזאָגט : פּליעז, גוטער ברודער, קער ניט איבער דעם וואגען.

יעצט, מיינע פריינדע! פארשטעהט איהר שוין פאר־וואָס אין אמעריקא איז דאָ א שטאָדט מיט'ן נאָמען „רינאָ", ווייל אין יענער שטאָדט זינגען די מענער וואָס ווערען פריי פון זייערע מכות. — אָדער ווי א ישובניק האָט אמאָהל געזאָגט : ס'איז גוט א חיה רעה (ער האָט געוואָלט זאָגען: אַ חיי שעה).

אָט דערפאר זאָגט דער נביא : לעולם ! איך וועל מיט דיר זיך ניט פארבינדען אָט אזוי ווי מען האָט חתונה אין יענע מדינות, אויף אַ קאָנטראַקט. און אז דער קאָנ־טראַקט ענדיגט זיך, שיקט מען אוועק אָט די חיה רעה מיט לעדיגען. ניין ! איך וועל זיך מיט דיר פארבינדען אויף אייביג ! לעולם !

אָט דאָס איז דער פשט פון די ווערטער : והיה מספר בני ישראל כחול הים, אויב חו"ש איהר אידען וועט ניט

לעבען אין אחדות, איהר וועט זיין אזוי ווי די זאמד, וואס באהעפטען זיך ניט צווישען זיך, דאן וועלען אייך די אנטי־סעמיטען צעהלען און שלאגען אייך, חו"ש. „והיה מספר"!

עס דארף אבער זיין: ונקבצו בני יהודה ובני ישראל יחדו ושמו להם ראש אחד, ועלו מן הארץ! זייט, אידען, אחדות וועט איהר ארוים פון גלות!

זייט ניט אזוי ווי יענער עם הארץ, אז איך האב איהם געפרעגט פארוואס ער געהט ניט הערען די מגילה? האט ער געענטפערט אז ווען פרענק סינאטרא וואלט געלייענט די מגילה וואלט ער געגאנגען הערען. ניין, רבותי! קומט אין שוהל הערען אונזערע רבנים זאגען תורה! זייט ניט פון יענע אידען וואס ווייסען ניט „מאי דקאמרה רביצין". דאס וואס די רביצין זאגט ווייסט קיינער ניט, ווייל זי שילט דעם רב און דער רב שעמט זיך אויסצוזאגען...

רב ר"ת רחמנים בישנין, אבער לפי הגמ' יבמות ע"ט דארף מען זיין גבר ר"ת געבער, רחמן, בישן.

עס זיינען דא מענשען וואס האבען ליעב צו רעדען להר"ע אויף רבנים.

איך הער אמאה איין איד פרעגט דעם אנדערען: נו?! דער רב האט עפיס געזאגט היינט א גוטע דרשה? גיט יענער א קנייטש מיט די פלייצעס און זאגט: ער האט געזאגט אט אזויפיעל וויפיעל יעקב האט געזאגט צו דעם מלאך, ווען ער האט איהם געפרעגט „מה שמך?"

חאטש די תורה זאגט דאך, „ויאמר יעקב"! אבער יעקב האט דאך דארטען גארניט געזאגט. וד"ל...

איך הער ווי א איד שטעהט אין פארק און שווערט זיך אז ער האט אליין געזעהן ווי דער רב האט געגעסען אהן א היטעל. אבער ווען איינער האט איהם געזאגט, אז מען קען איהם פאר אזא בלבול קלאגען אין געריכט, האט

דער איד א זאָג געטאָהן: איך שרעק זיך ניט! ווייל דער רב אליין וועט מודה זיין אז ער האָט געגעסען אָהן א היטעל, נאָר א יאַרמולקע . . .

רבותי ! שטיצט די רבנים !

מיט א היטעל, אָדער מיט א יאַרמולקע, אָבער עסען דארף דאָך א רב אויך (פ״ק ג׳) ״אם אין קמח אין תורה״, איז דער פשט אזוי : ווען ניט דער קמח וואָס אברהם האָט געזאָגט „מהרי שלש סאים קמח״ . . . וואָלטען דאָך די מלאָכים ניט געגעסען דאן קיין מילכיגס מיט פליישיגס, און זיי וואָלטען אין יאָהרען שפעטער געהאָט מעהר טענות אז די תורה בּאלאנגט צו זיי.

אָט טאַקע דערפאר זאָגט די תורה (תשא) גלייך נאָך דעם פּסוק :לא תבשל גדי בחלב אמו״, תום״י „כי עפ״י הדברים האלה כרתי אתך ברית״. — אָט דאָס איז אויך דער פשט פון דעם מאָמר (פּס׳ ס״ח) „מ״ט יום שניתנה בו תורה הוא״. דאָס מיינט, אז שבועות איז א מצוה צו עסען. ווייל דורך דעם עסען האָבען מיר דאָך מקבל געווען די תורה, און די מלאכים ניט !

אָט דאָס איז געווען דער סוד פון „וסעדו לבכם **אחר תעברו**״, און דערפאר זאָגען מיר אויך פרייטאג צו נאכט : „צאתכם לשלום״ — א״א האָט ניט געוואָלט הייסען חו״ש די מלאָכים אז נאָך׳ן עסען זאָלען זיי אוועקגעהן. אברהם האָט קיינעם ניט געטריבען חו״ש. נאר די מלאָכים ווילען שוין מעהר קיינמאָהל ניט עסען ווייל זיי האָבען זיך שוין שטאַרק אָבגעבריהט . . . אזוי שנעל ווי מיר דארפען זיך זעצען עסען ווילען זיי אליין אוועק געהן, זאָגען מיר צו זיי: „צאתכם לשלום״! אחר תעברו—מיינט איהר קענט מעביר קול זיין אז אברהם גיט עסען ! און איך האָב ניט קיין מוראָ פאר „מברך רעהו בקול גדול״ . . .

נשא

דרשה לבר מצוה

רבותי ! מיר לייענען היינט אין שופטים י״ג: דער מלאך זאָגט צו מנוח׳ם פרוי „כי נזיר א-ל-קים יהיה הנער מן הבטן״, דער אינגעל זאָל זיין א געטליכער נזיר פון בויך. איז דאָך א קשיה: סטייטש ! וואס איז דאס פאר איין אויסשפראכע ? א געטליכער נזיר פון בויך! האָט ער דאָך געקענט באנוצען א שעהנערע שפראך, „מיום הולדו״, פון דעם טאג וואס ער איז געבאָרען. — אָבער מיר געפינען נאָך אזא אויסשפראכע אין תהלים כ״ז: „נחלת ד׳ בנים שכר פרי הבטן״, דער פשט איז אזוי: קינדער ערציהונג ווענדט זיך זעהר פיעל אין דער מוטער, בנים, זיינען די פרוכט פון דער מוטער, פרי הבטן ! איבער־הויפט דאָרטען וואו דער פאטער איז אלעמאָל א פארנומע־נער מענש. אָדער ער איז אזא מענש ווי מנוח, וואס די גמרא זאגט אויף איהם (אין ברכות ס״א) מנוח ע״ה היה, און אין ברכות מ״ז: איזהו ע״ה כל שאינו מניח תפילין.

דער מלאך האָט דאריבער געזאָגט: מן הבטן ! דו, די מאַמע פון קינד ! זאָלסטו זיין די ערציהערין. דו זאָלסט זיך אויף קיין אנדערען ניט פארלאָזען.

די תורה דערצעהלט אונז מרע״ה האָט געזאָגט צו גאָט: הראני נא את כבדך. איז דאָך א קשיה, סטייטש ! האָט דען משה ניט געוואוסט אז מען קען ניט זעהן גאָט ?

גאָט איז דאָך „אין לו דמיון כלל". עס איז אָבער נאָך מעהר קשיה, וואָס גאָט האָט איהם באוויזען דעם הינטערגרונד פון זיך. רש"י זאָגט: „הראהו קשר של תפלין". ווארום האָט גאָט באוויזען משה'ן, דעם בונד פון די תפילין? דער ענטפער איז פשוט:

די גמרא זאָגט אז אין גאָט'ס תפילין וואס ער טראָגט איז דא א פרשה: „ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ". (ברכות) — ווען מיר האָבען געזינדיגט מיט'ן עגל, מיר האָבען פארביטען די אמונה פון דעם ד' אחד, האָבען מיר דאך געפסל'ט די פרשה פון אונזערע תפלין. האָט משה זיך דערשראָקען, טאָמער האָט דערפאר גאָט געפסל'ט און וויל מעהר ניט טראָגען זיינע תפילין אויך. האָט ער געבעטען: רבש"ע! צייג מיר דיינע תפילין! „הראני נא את כבדך". תפילין איז א האָנאָראבל בעדזש, ד. ה. „כבדך". האָט איהם דער רבוש"ע געצייגט בלויז דעם אונטערשטען בונד. דאס מיינט, אז צוליעב די אָבות, מיט וועלכע ער האָט גע־מאכט א בונד, שענקט ער אונז אויף אלעס, אָט דאָס האָט אפילו דער גרעסטער אנטיסעמיט בלעם געמוזט צוגעבען. ער האָט געזאָגט: „מי מנה עפר יעקב"! דאָס הייסט אז ווען אפילו אידען זינדיגען ר"ל, שענקט אונז גאָט צוליעב די אָבות, די שוכני עפר... אָט אָ דאָס זאָגט דער מדרש: הקב"ה מדלג ומקפץ מכנסת זו לכנסת זו, לברך את ישראל בזכות של א"א ד"כ כה תברכו, כמה דתימא כה יהיה זרעך.

די מצוה פון תפילין לערענט אונז, ווי נויטיג עס איז צו זיין פאראייניגט, אין דעם קאמפף פאר א בעסערע וועלט. די תפילין של יד זיינען דאך כנגד הלב, די הארץ דיקטירט רחמנות, אָבער דער שכל, דער מח איז אזוי שארף, אזוי ווי א חלף פון א שוחט. ער מאָנט מיט לאָגישע טענות און ארגומענטען אז מען זאָל האנדלען לויט'ן פארשטאנד, און ניט לויט דעם רחמנות פון הארצען.

איז דאָך אייגענטליך א פראגע : וואו נעמט דער מענש אזוי פיעל קרעפטען צו באשליסען און אָפּטהאָן א זאַך ? סטייטש ! וויבאלד אז ער האט אין זיך צוויי כחות וואָס שלעפען אין באזונדערע ריכטונגען,— איז דער ענט־פער פשוט : עס איז דאָ אין דעם מענשען א דריטע פונק־ציאָן, דער רצון, דער ווילען, וואָס ער שלייפט און הובעלט ארום אָט דעם (דיימאָנד) שכל, ער זאָל ניט זיין אזוי שטע־כיג, און צו דער זעלבער צייט, צאַמט ער איין די געפיהלען פון הארץ, אז זיי זאָלען ניט ארוים פון די ברעגען און מאַכען איין איבערפלוס, — אָט דאָס איז דער פשט פון די ווערטער : „בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך".

(אין דעם ווארט „מאדך" הער איך „מאידעכא" דעם אָפּקלאנג פון דעם ענגלישען ווארט „מאַיט") — די רצועות פון די תפילין, זיי דארפען פארבינדען דעם מח מיט דער הארץ אז זיי זאָלען ארבייטען אין הארמאָניע, אין אחדות. (דער של ראש מיט דעם של יד). אָבער די הארץ — דאָס קומט פריהער אין דער מצוה פון תפלין. — אָט דערפאר זאָגט די גמרא (אין מנחות לו) „סח בין תפ' לתפ' חוזר מערכי מלחמה. אין ענגליש מיינט עס:

UNITY AND MIGHT LEAD TO VICTORY

אָט דערפאר רופען מיר אָט דעם יו"ט פון לעגען תפלין : „**בר מצוה**", און ניט „בעל מצוה", אזוי ווי מיר רופען אָן איינעם וואס טהוט איין עבירה, „בעל עבירה". ווייל די מצוה פון תפילין לערענט אונז, אז א איד דארף זיך באהעפטען און צובינדען צו די מאָראלישע מעשים, אזוי ווי א זוהן איז באהעפט און צוגעבינדען צו זיינע עלטערען, אָבער „בעל עבירה" מיינט, אזוי ווי א מאן מיט זיין פרוי, און א מאן קען זיך דאָך שיידען און אָפּגט'ען זיין פרוי, אויב זי איז חו"ש שלעכט. אזוי אויך די עלטערען דארפען זיין צוגעבונדען צו די קינדער און לערנען זיי גוטע מעשים. („בר" איז דער טייטש : א זוהן).

ניט אזוי ווי יענער ישוב'ניק.

עס איז אמאָהל געקומען א ישוב'ניק צום רב און זאָגט צו איהם: רבי! גיט מיר עפּיס א געלערענטען האָן. זאָגט דער רבי צו איהם: וואָס דאַרפסטו עפּיס א געלערענ־טען האָן? זאָגט דער ישוב'ניק: איך וויל עפּיס א געלע־רענטען האָן ער זאָל אויסלערנען מיינע קינדער דאַוונען. סטייטש! האָט דער רב אויסגערופען, וואו זאָל איך דיר נעמען אזא אויסטערלישען האָן? נעם א מלמד, אָדער א טיטשער פון דער הרצליה, וועט ער לערנען מיט דיינע קינדער. — גאָט באהיט! האָט דער ישוב'ניק אויסגערופען —צו די חברהלייט דאַרף מען דאָך האָבען איין אוצר מיט גאָלד, זיי זיינען דאָך יוניאָן־לייטע. איך ווייס אז מיין טאַטע האָט אויך קיין עברי ניט געקענט; אָבער ווען עס איז געקומען צו כפּרות שלאָגען, האָט ער זיך גענומען א שעהנעם, געלערענטען האָן, געעפענט א סדור, און נאָכ־געזאָגט נאָך'ן האָן וואָרט אין וואָרט.

(דער האָן פלעגט קוקען גלייך אין סדור אריין).

איהר, מיינע פריינדע, זאָלט אייערע קינדער לערנען ניט ביי קיין האָן. (פאַרוואָס שלאָגט מען כפּרות מיט א האָן? ווייל אז מען שלאָגט אידען קרעהעט אפילו א האָן ניט). — ווייל איך האָב אמאָהל געקענט א בעל עגלה, וואָס האָט געלערענט ביי פערד . . , פלעגט ער רעדען א קאָמישען העברעאיש, צב"ש אז ער פלעגט דאַרפען נעמען היי פון פעלד, פלעגט ער זאָגען „קדשים, האזינו", דאָס האָט געמיינט ביי איהם קדשו: היי־ליגט; האזינו: פאַרנעם.

אָבער אז איהר וועט זיין געלערענטע גוטע מענשען, וועט איהר פאַרשטעהן וואָס תפילין מיינט. עס וועט אויף אייך מקוים ווערען „פּארו עלי ופארי עליו, וקרוב אלי בקראי אליו, וד' יברכם."

דרשה ב.

לסעודת מצוה של חברה קדישא

(מהפטרת נשא)

די וועלט פרעגט: פארוואס רופט מען די חברה מתעסקים במת, „חברה קדישא" ? איך וויל ניט אוועק מאכען די פראגע מיט דעם אלטען ענטפער: **אט** אזוי איז דאס. דער ווארט **אט** מיינט אין ר"ת **א**ן **ט**עם. ניין, איך וויל בע"ה זאגען א טעם.

אין דער הפטרה פון נשא, האב איך צוויי קשיות, פארוואס זאגט דער פסוק צוויי מאהל „כי" ? **כי** לא ידע מנוח, **כי** מלאך ד' הוא.; און די אנדערע קשיה איז: מאי קמ"ל ? איך ווייס דאך אז מנוח האט ניט געוואוסט, ווייל ער זאגט דאך ווייטער, ווי מנוח מיט זיין פרוי האבען איבער'רעש'ט געזאגט: „**כי** אלקים ראינו" !

נאר דער פסוק דערצעהלט מיר דא א גרויסען חדוש, אז חאטש דער מלאך האט געזאגט דעם ווארט „לד'", פריהער, לד' תעלנה ! האט דאך מנוח געדארפט פאר־שטעהן אז דאס רעדט אזוי בלויז א מלאך. ווייל די גמרא (נדרים י') זאגט: „מנין שלא יאמר אדם לד' עולה, ת"ל קרבן לד' (רש"י שם) „דילמא אמר לד' ולא גמר לדיבור זה וקא מפיק ש"ש לבטלה". און דאך האט מנוח ניט געוואוסט „כי לא ידע מנוח כי מלאך הוא" — טא וויבאלד אזוי, איז דאך טאקע א קשיה: טא פארוואס זאגען מיר „כל עצמותי תאמרנה ד' מי כמוך (נשמת). סטייטש ! מיר זיינען דאך ניט קיין מלאכים, מיר קענען דאך חו"ש שטארבען אין דער רגע, וקא מפיק ש"ש לבטלה ! ספעציעל אין היינטיגע מאדערנע צייטען . . . וואס די פרויען דרעהען אזוי פיעל דעם קאפ.

איך האָב אמאָהל מסדר קדושין געווען. א פרוי האָט חתונה געהאַט מיט א דאָקטאָר, האָט זי איהם אזוי פיעל געדרעהט דעם קאָפּ ביז דער דאָקטאָר איז געלאָפען צו א לאַיער . . . נאָכדעם האָט זי חתונה געהאַט מיט דעם לאַיער — איז זי איהם אזוי דערגאנגען די יאָהרען ביז ער געהט נאָך עד היום צו א דאָקטאָר.

איהר קענט אייך פאַרשטעלען ווי טרויעריג עס איז, אז א איד האָט אמאָהל צו מיר געזאָגט, רבי ! איך מאַך א שמחה ווייל איך בין ב"ה זיבציג יאהר, ביז הונדערט צו דערלעבען. — פרעג איך איהם : נו, און ווי אלט איז אייער פרוי ? זאָגט ער : אויך זיבציג ביז 99 צו דערלעבען. פרעג איך איהם, סטייטש ! פארוואס עפּיס ווינשט איהר אייער פרוי בלויז 99 ? האָט ער געענטפערט : רבי ! איך וויל האָטש אין מיין גאנץ לעבען 1 יאָהר א רוהיגען אָפּלעבען.

איז דאָך די קשיה : טאָ וויאזוי-זשע קענען מיר מקדים זיין גאָט'ס נאָמען, און זאָגען : „ד' מי כמוך" ? — דער ענטפער, רבותי, ליגט אין דעם וואָרט „עצמותי".

אייגענטליך, וואָס פאַר איין אויסשפראך איז דאָס „עצמותי תאמרנה" ? איהר האָט שוין געהערט אז עצמות זאָלען רעדען ? נאָר דאָס מיינט מען : די עצמות היבשות די טויטע וואָס וועלען לעבעדיג ווערען. (תחה"מ, יחזקאל ל"ז) און די גמרא (סנהדרין צ"ב) זאָגט : צדיקים שעתיד הקב"ה להחיותם שוב אינם חוזרים לעפרם, שנאמר והיה כל הנשאר בציון והנותר בירושלים קדוש יאמר לו — (ישעי' ד') — טאָ וויבאלד אזוי, מעגען דאָך שוין די עצמות זאָגען פריהער גאָט'ס נאָמען, ווייל זיי האָבען דאָך קיין מורא ניט שמא ימות.

אָט יעצט, רבותי ! פאַרשטעהט איהר שוין פארוואס די חברה מתעסקים במת רופען זיך „חברה קדישא" ? דער נאָמען „קדישא" לערענט אונז אז אָט די אלע מתים

וועלען לעבעדיג ווערען, ווייל ישראל עם קדושים הן, ד״כ קדשים תהיו!

ניט ווי יענע צוויי בעלי-עגלות האָבען געמיינט ווען זיי זיינען דורך געפאָהרען פארביי א פעלד און זיי האָבען דערזעהן אסאך היי, האָט איינער אויסגעשריגען: קדושים! האָט דער אנדערער געענטפערט: האזינו! און זיי זיינען באלד אראָפּ און צוגענומען אסאך היי אויף זייערע פוהרען.

ווען איינער פון די פאסאזשירען האָט געפרעגט די בעלי עגלות, וואָס איז דאָס פאר א שפראך וואָס איהר רעדט צווישען זיך? האָט איינער פון די בעלי עגלות גע־ענטפערט, — לשון קדש. אז יענער בעל עגלה האָט געזאָגט „קדושים״, דאָס מיינט, היי-ליגט! האָב איך איהם גע־ענטפערט: „האזינו״, פארנעמט! (די היי) . . .

ניין, רבותי! חברה קדישא מיינט ניט אזא מין קדושה, דאָס מיינט **קדוש יאמר לו**! עס איז א רמז אויף די צדיקים וואָס וועלען לעבעדיג ווערען און וועלען ניט שטאַרבען נאָך אמאָהל. (שוב אינם חוזרים לעפרם). אָט דערפאר האָט דוד המלך ע״ה געזאָגט צו שלמה׳ן: „וחזקת והיית לאיש״! ווייל דורך דעם וואָס דו וועסט זיין א גוטער מענש, וועל איך ניט זיין ווי אלע מתים, איין עומד, נאר איך וועל זיין א הולך (מחיל אל חיל), „אנכי הולך בדרך״ און דערפאר זאָגט די תורה „ואלה שמות״ מיט א וואָוו, ווייל די תורה זאָגט דאָך ניט ביי יעקב׳ן דעם לשון „וימת״. ווייסט איהר פארוואס? ווייל צוליב די בני ישראל איז יעקב לא מת — ער האָט דאָך געלאָזען גוטע קינדער, און טאַקע דערפאר זאָגט דער פסוק (אין שמות) פריהער „בני ישראל״ און נאָכדעם „את יעקב״. ווייל נאָך זייענדיג ביי לבן׳ען מיט׳ן נאָמען יעקב, האָט ער זיי שוין דאן מחנך געוועזען צו זיין בני ישר-אל, דארום זאָגט די תורה ואלה, מיט א וואָו, ווייל עס איז מוסיף אויף דעם פריערדיגען ענין פון „ויחי״ . . .

חאָטש יעקב האָט באַדויערט אז ער האָט זיך ניט אָפּגעלערענט פון לבן'ען צו טהאָן די תרי"ג מצות מיט אזא אימפּעט און איבערגעבענהייט (הפקרות) ווי לבן האָט געטהאָן זיינע רשעות! אָט דאָס זאָגט רש"י (וישלח): תרי"ג מצות שמרתי ולא למדתי ממעשיו הרעים. — דאָך האָט ער ערצויגען זיינע קינדער מיט גרויס קאמפף, אלס טרייע, גוטע אידען, און איז ארויס פון לבן'ען גאנץ מיט זיין אידישקייט אין אלע פרטים (רש"י וישלח) שלם בגופו, שלם בממונו, שלם בתורתו.

יעקב האָט געמוזט שלאָגען לבן'ען מיט די זעלבע וואפען וואָס לבן באנוצט זיך — מיט שווינדעל. למשל: אזוי ווי עס האָט אמאָהל פאסירט, אז איין ארבייטער אין א וויין געשעפט, פלעגט שטילערהייד באהאלטען אלע וואָך אביסעל געלד, אין א ליידיג פעסעלע, אין וויין קעלער, און דער בעה"ב פלעגט עס צונעמען. ווען מען האָט גערופען דער בעה"ב צום רב, האָט ער זיך געלייקענט. האָט דער רב ארויסגעגעבען איין איסור אויף די וויין, און געזאָגט, אז וויבאלד אז דער בעה"ב ווייסט ניט ווער עס האָט גענומען די געלד, קען דאָך זיין אז א גוי האָט זיך געדרייט צווישען די פעסער וויין, איז דער וויין יין נסך.

תומ"י האָט זיך דער בעל הבית מודה געווען און אָפּגעגעבען די געלד. אז לבן האָט געוואָלט אז יעקב'ס קינדער זאָלען רעדען נאָר ארמית, און רופען זיך מיט אראמישע נעמען, האָט יעקב געטהאָן אקוראט ווי א איד פון אונזער שוהל: זיין פרוי א קינפּעטאָרין, זאָגט צו איהם: מיר וועלען א נאָמען געבען אונזער טעכטערל „בערנים". דער איד נעביך האָט געוואָלט א אידישען נאָמען, רופט ער זיך אָפּ צו זיין פרוי: אָה! דאָס איז פיין! די ערשטע מיידעל וואָס איך האָב ליעב געהאט האָט מען גערופען „בערנים". און דער נאָמען וועט אין מיר דער-

וועקען אנגענעמענע, זיסע דעראינערונגען. באלד האָט די פרוי געענטפערט : איך האָב א טעות ! איך מוז איהר א נאָמען געבען נאָך מיין באָבע'ן ציפע.

אָט אזוי האָט יעקב געמוזט האנדלען געגען זיינע געגנער. און אזוי איז אונזער באליבטער פרעזידענט רוז-וועלט געפאָהרען צו דער רוסישער אמבאסאדע אין טע-הערען, דורך איין אנדער וועג, האָטש די נאַצישע פארא-שוטניקעס האָבען געוואַרט אויף איהם אויף דעם וועג וואו די מיליטערישע וואך איז געוועזען אויסגעשטעלט. און אזוי וועט משיח קומען, אבער ניט אויף דעם וועג וואָס די יאָלדען וואַרטען אויף איהם.

די פראגע איז נאר : מתי תמלוך ? ווען וועט שוין זיין תחה"מ ? ווען וועט שוין קומען משיח ? דער רבש"ע איז דאָך א חסיד (הגדה) ותיק הוא, חסיד הוא ! — טאָ וויבאלד אז ער איז א חסיד, דארף ער דאָך זאָגען „ויצמח פורקנה ויקרב משיחה." אָבער האָטש איך בין ניט קיין נביא, און ווייס ניט ווען משיח וועט קומען, קען איך אָבער דאָך זאָגען אז „מדה כנגד מדה", מיט אונזערע אלטע פייפער וועלען מיר הענגען היטלער דעם פייפער-הענגער. אויף אָט דעם בוים וואָס האָט געברענט אויף דעם געט-ליכען פייער די תורה, בב"א. ווייל די אנטיסעמיטען זיינען אין דער בחינה פון „הסנה בוער באש", אָט דערפאר זאָגט דאָך ניט די תורה : האש בוער בסנה.

זיי פארגעסען, די אנטיסעמיטען, אז „כי לא במותו יקח הכל", (תהלים מ"ט) דער פשט פון די ווערטער „לא יקח הכל" איז אזוי : ווען די רשעים שטארבען נעמען זיי ניט מיט די נשמה אין הימעל ווי די צדיקים. זיי נעמען בלויז מיט דעם גוף אין דער ערד, אין דעם גרוב וואָס זיי האָבען געגראָבען אויף יענעם.

די נשמה פון די רשעים איז **נע ונד** — ר"ת : **נ**יט **ע**סען **נ**יט **ד**אווענען . . .

אָבער ח"ק האלט פוןביידע זאכען, פון דאווענען און פון עסען, ובכן, לחיים ברידער !

אזוי ווי יענער אָרימער איד האָט געבעטען : רבש"ע! איך וויל גאָט זאָל הערען אונזער תפלה — בעסער אַר-בייטען פאר צעהן טויזענד דייטשען, איידער פאר איין אידען. — און דער איד איז חו"ש ניט געווען קיין משוגע-נער, נאָר ער איז געווען א קברן. (אנדערטייקער).

האָפענטליך אז ח"ק וועט קענען ארבייטען פאר די דייטשען, ווערט דאָך אונזער סעודה א סעודת מצוה, מע-גען מיר שוין טרינקען לחיים און עס וועט אונז ניט שאדען.

איך בין אמאָהל געגאנגען אָנקוקען איין אלטען אי-דען פון 105 יאָהר אלט, און אויסגעפינען דעם סוד פון אריכת ימים. האָט מיר דער אלטער דערצעהלט אז ער האָט קיינמאָהל קיין שנאפּס ניט געטרונקען, ווייל אלקאָ-האָל איז סם המות. אָבער ווייל איך האָב גערעדט מיט דעם אלטיטשקען, האָב איך דערהערט א שטארקען ליארם אונטער'ן טיהר. פרעג איך איהם : וואָס איז דאָס ? האָט ער מיר געענטפערט, אז זיין פּאָטער שכור'ט זיך אָן און מאַכט א טומעל. ובכן, לחיים, לחיים !

אָט דערפאר מאַכען מיר די סעודה פון ח"ק אין כסלו ווייל אין כסלו האָבען מיר באגראָבען די שונאים פון קדושה, און אָט דערפאר איז עס א סעודת מצוה, ווייל עס איז א מצוה צו באגראָבען די שונאים, ויעש דוד שם בשבו מהכות את ארם (שמואל ב-ח).

אז צוויי יידן לײדיגען אויס די גלעזלאך מיט א „לחיים", ווערט דערפון פרנסה, (נעמט אראָפּ צוויי יודען פון דעם ווארט „לח-יי-ם" בלייבט אותיות „לחם").

בהעלותך

דרשה ליום הדין ולחזוק התורה

„אל נא תהי כמת".

רבותי ! איך פרעג דאָ אויף דעם פסוק א קשיה : צדיקים זיינען דאָך „אף במיתתם קרויים חיים" (רש"י בס"ד נח) טאָ ווארום דריקט זיך אוים אהרן אויף אזא צדקנית ווי מרים דעם לשון „מת" ?

דער ענטפער איז פשוט : מרים איז דאָך געשטראָפט געוואָרען ווייל זי האָט גערעדט אויף משה רבינו, און ווער עם איז פוגע בכבוד התורה איז ר"ל ווי א מת !

די גמרא זאָגט (שבת ק"ה) ת"ח שמת הכל קרוביו, איז דאָך דער לשון „קרוביו" זעהר קשה ! סטייטש ! וואָס פאר א שייכות האָט א ת"ח מיט קרובה'שאפט ? צו דען ווייל א איד איז א ת"ח איז ער מיט אלעמען א מחותן ?

דער ענטפער איז טאקע אז יאָ ! ווייל די גמרא זאגט (ב"ב ע"ה) „פני משה כפני חמה". וואָס אייגענטליך מיינט די גמרא מיט אָט דעם כפני חמה ? גאנץ פשוט : גאָט האָט אריין געגעבען אין דער זוהן א כח אז זי נעמט ארום די גאנצע וועלט, זי ווארימט אלעמען, טריקענט אוים אלע

זומפּען, לייטערט די לופט, און זי היילט אלע קראנקהייטען זי מאַכט וואקסען אלע בלומען, גרינצייג, און פּרוכטען; זי מאַכט אלע גוטע פּרוכטען צייטיג. אַט דאָס זעלבע האָט דאָך משה רבינו אויפגעטהאָן מיט דער תורה! אַט דער־פאר איז „פּני משה כפני חמה". און אַט אזוי זיינען אלע ת"ח וואָס באלייכטען די וועלט מיט דער תורה.

(ווייל די תורה זארגט פאר אלעמען: „וגר לא תונה— אם כסף תלוה.. לא תהיה לו כנשה.. אל תשת ידך עם רשע — לא תהיה אחרי רבים לרעת — כי תראה חמור שנאך רובץ תחת משאו — עזב תעזוב עמו — ושחד לא תקח, כי השחד יעור פקחים — לא תכלה פאת שדך לקצר — לעני ולגר תעזב אתם — לא תלין פעלת שכיר אתך עד בקר — לא תשנא את אחיך בלבבך — לא תקם ולא תטר — ואהבת לרעך כמוך - וכי יגור אתך גר בארצכם — כאזרח מכם יהיה, ואהבת לו כמוך — מפני שיבה תקום— והדרת פני זקן — — — איך קען דען אויסרעכנען אלעס וואס עס איז דאָ אין דעם ים התלמוד?)

פארשטעהט איהר שוין יעצט, מיינע פריינדע, פאר־וואס די גמרא זאגט: „ת"ח שמת הכל קרוביו"? ווייל די תורה איז דאָך אלעמען מקרב, אפילו דעם גר און דעם שונא! אַט פונקט ווי די זוהן ווארימט אלעמען אָן אונ־טערשיעד. ועה איז צו יענעם וואָס איז חו"ש פוגע בכבוד התורה! יענער איד איז ר"ל ווי א מת! דארום, זעהט זשע רבותי! זייט זיך מתקרב צו דער תורה, שטיצט די שוהלען מיט די ת"ח, ואל נא תהי כמת!

מיר אידען זיינען מיט דער תורה פארבונדען אזוי ווי א מאן מיט א פרוי (א"ת מורשה אלא מאורסה) —

איך האָב אמאָהל געפרעגט מיינעם א באקאנטען

אויב ער איז גליקליך פארהייראטה ? האָט ער מיר גע־ענטפערט אז ביידע צוזאמען זיינען זיי גליקליך פארהיי־ראטה ! זי איז גליקליך און ער איז פארהייראטה ! אָט אזוי רבותי ! זיינען נעביך די בני תורה — זיי זיינען ניט גליק־ליך, זיי דארף מען שטיצען !

איך האָב אמאָהל געהערט ווי דריי אינגלאך האָבען זיך באריהמט מיט זייערע טאטעס. זאָגט איין אינגעל : מיין טאטע איז א פּאָעט, ער שרייבט אָן בלויז צעהן שורות קריגט ער דערפאר צעהן דאלאר. זאָגט דער צווייטער אינגעל : מיין טאטע איז א שרייבער פון מוזיק, ער שרייבט אָן עטליכע שטריכעלעך און פינטעלעך קריגט ער דערפאר פון אַ פּאָבלישער פינף־און־צוואנציג דאָלאר. זאָגט דער דריי־טער אינגעל : מיין טאטע איז א פּרעזידענט פון א באנק, ער דארף בלויז אונטערשרייבען זיין נאָמען קריגט ער צעהן טויזענד דאָלאר . . .

רבותי ! היינט איז דער טאג, אין וועלכען מיר אלע מענשען פון דער גאנצער וועלט, שרייבען זיך אונטער אויף דעם קאנטראקט פאר דעם גאנצען יאָהר, „ותפתח את ספר הזכרונות ויד כל אדם חותם בו". דערפאר זאג איך אייך פארלירט ניט די גאָלדענע געלעגענהייט וואס איהר קענט בלויז יעצט קריגען ! איהר קענט אלע ווערען רייך, פּשוט אזוי ווי באנקירען „עשר בשביל שתתעשר" ! גיט צדקה ! וועט איהר ווערען רייך, און אייער חתימה וועט אייך קענען ברענגען צענדליגע טויזענדער דאלאר, אזוי ווי דער אינגעל וואס האָט זיך באריהמט, אז זיין טאטע איז ניט קיין פּאעט און ניט קיין מוזיקער, אָבער מיט זיין אונטער־שריפט קען ער קריגען זעהר אסאך געלד. אָט אזוי קענט איהר עם אלע דערגרייכען, בלויז דורך צדקה, וואָס איהר וועט שטיצען די אָרימע לייט.

איך ווייס אז איהר האָט אלע **חשק** צו לעבען א

גוטען לעבען, און דער ווארט „חשק" באטרעפט אין גימ' 408. אַט אזוי פיעל באטרעפט אויך דער צאָהל פון די דריי ווערטער: צום, קול, ממון.— ממון—רבותי! גיט צדקה! די נשמה פון מענשען איז געגליכען צו א ליכט „נר ד' נשמת אדם". אַט דערפאר צינדען מיר אָן חנוכה אסאך ליכט, ווייל מיר האָבען דאן געזיגט גייסטיג מיט דער תורה און מיט דער נשמה, היינט ווען מיר דערמאָנען די נשמות פון אונזערע עלטערען, און ליעבע, דארפען מיר זיך דער־מאָנען אן די ליכטלאך, וועלכע סימבאָליזירען די תורה ; די ליכטעלעך פון חנוכה. חנוכה איז ר"ת : חיים נכתב ונחתם כל השנה. היינטיגער טאג איז אזוי שטארק ענליך צו חנוכה, ווייל מען לייענט היינט אין דער תורה בזאת יבא אהרן. און חנוכה לייענט מען אויך זאת חנוכת המזבח. דאָס הייסט, מען דארף מקריב זיין די זעלבסט־ליבע, די סעלפישנעס, דעם „אדם קרוב אצל עצמו" אויפ'ן מזבח פון תורה, וועלכע ווערט אָנגערופען „זאת" זאת התורה ! ווייל די תורה איז אזוי ווי די זוהן, זי ווארימט אלעמען.

דער וואָרט „זאת" נעמט אין זיך אריין אלעם. ווייל עס באטרעפט 408 פונקט וויפיעל „צום, קול, ממון. און אויך וויפיעל דער ווארט „חשק" באטרעפט.

רבותי ! אויב איהר האָט חשק צו א גוטען יאָהר, טאָ שטיצט די תורה !

זייט ניט אזוי ווי יענער גביר, וואס א קאליקען אָרי־מאָן פלעגט ער אלעמאָהל גיבען א נדבה, אָבער צו קיין רבנים, לומדים, האָט ער קיינמאָהל ניט געגעבען, און ער פלעגט זאָגען אזוי : פאר א קאליקען שרעק איך זיך, ווייל יעדער מענש איז ניט זיכער ער זאָל חו"ש ניט ווערען א קאליקע. אָבער פאר לומדים האָב איך ניט קיין מורא,

ווייל איך בין זיכער אז קיין למדן קען איך שוין ניט ווערען.

ער האָט אָבער פארגעסען אז מיר טייטשען אזוי דעם פסוק פון דער הפטרה אין ש״ש „ישרים דרכי ד׳ . . . ופושעים יכשלו בם״ — דאָס מיינט אזוי : גאָט׳ס וועגען זיינען גלייכע, אָבער די אידען וועלכע זיינען פושעים און ווילען ניט געהן אויפ׳ן גלייכען וועג, איז דער רבש״ע ניט צופרידען פון דעם, אז א אידישע נשמה זאָל פארלאָרען געהן. וואָס זשע טהוט ער ? ער מאכט שוין עפּיס א סיבה איין עקסידענט, אז אָט די פושעי ישראל זאָלען ניט ווילענ־דיג דורך איין עקסידענט ארייגפאלען אין דעם גלייכען וועג, און ווערען אמת׳ע גוטע אידען — שטיצט זשע די לומדים ווייל איהר זענט אלע צוקונפטיגע לומדים !

עס איז ביי אונז אין שוהל געוועזען א חזן, זעהר א טייערער איד, א גרויסער מנגן, א שעהנער דאוונער, אָבער ניט פאר אונז געדאכט איז ער געוואָרען זעהר שרעקליך קראנק אויף ניומאָניע ר״ל. מיר האָבען איהם געשיקט די גרעסטע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרען, און ענדליך האָבען מיר דערלעבט די גליקליכע שעה ווען דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט אז ער איז אינגאנצען אויסגעהיילט געוואָרען פון ניומאָניע. מיר האָבען שוין מעהר קיין דאָקטוירים צו איהם ניט געשיקט. מיר האָבען געהאָפט אז אין איניגע וואָכען וועלען מיר זוכה זיין צו הערען נאָכאמאָהל אונזער חזן׳ס זיסע שטימע. אָבער עס איז אוועק א פּאָר וואָכען און מיר הערען אז דער חזן איז ערגער קראנק ווי פריהער. ער איז מסוכן.— סטייטש ! האָט דער פּרעזידענט פון שוהל געשריגען — דער פּראָפעסאָר איז א שווינדלער ! די יעצ־טיגע דאָקטוירים ווייסען גאָרניט, זיי האָבען דאָך אלע גע־זאָגט אז ער איז שוין אינגאנצען אויסגעהיילט געוואָרען !

דאן האָב איך אויסגעשריגען : רעדט ניט קיין לשה״ר אויף די דאָקטוירים. עס איז אמת טאקע אז ער איז פון

ניומאָניע אויסגעהיילט געוואָרען, אָבער ער איז דאָך געלע־גען א יאָהר צייט צו בעט, און ער איז אויסגעצעהרט גע־וואָרען. ער האָט פארלאָרען דעם אפעטיט צום עסען און קען ניט שלאָפען. מען האָט איהם יעצט געדארפט ברענגען א ספּעשעליסט וואָס ווייסט ווי אריינצוגעבען א קראנקען אָפּגעשוואכטען מענשען איין אפעטיט.

דער נמשל, מיינע פריינדע, זיינען מיר אידען אין גלות, מיר האָבען פארלאָרען דעם אפעטיט צום לערנען תורה; דער לאנגער גלות, אָט די קראנקהייט האָט אונז אָפּגעשוואכט, מיר זיינען מסוכן קראנק גייסטיג, מיר דאר־פען זיך קרעפטיגען מאָראליש, אז מיר זאָלען חו"ש ניט זיין קיין מתים אין גייסט — **אל נא תהי כמת**!

אָט די דריי סדרות, „תצא, תבוא, און נצבים" לערנען אונז א גרויסען מאָראל אז איין מענש געהט ארוים פון דער וועלט, **תצא**, און איין אנדערער ווערט געבאָרען, **תבוא**, אָט אין היינטיגען טאָג, ווערט עס אלעם אויסגע־שריבען **נצבים — היום**! — זייט גוטע דיפּלאָמאטען און גיט צדקה! וועט איהר זיין אזוי ווי פּרעזידענט רוזוועלט, וואָס ער לויפט און לויפט און בלייבט זיצען. אָט אזוי וועט איהר אויך באווייזען דעם זעלבען קונץ, איהר וועט בליי־בען לעבען.

אין דער מדינה „אונגאַ" קושט מען די רביים אויף'ן האנד. האָט מען געפרעגט דעם רבי'ן ר' זוסיע'ן וויפיעל ער האָט ביי זיי געקריגען? האָט ער געצייגט די האנד און געזאָגט: אויבען אויפ'ן האנד האָב איך געקריגען אסאך אָבער אינוועהניג גאָרניט. — רבותי! קושט ניט אויפ'ן האנד, נאר גיט אין האנד.

דרשה ב׳

הספד

„וירץ הנער ויגד למשה" רש"י : גרשום בן משה היה.

מיינע פריינדע ! איך פרעג א קשיה : פון וואנען נעמט עס רש"י, אז דאס וואס די תורה זאָגט סתם נער, איז עס געווען משה'ס זוהן גרשום ?

נאר דער ענטפער איז פשוט : די תורה זאגט דאָך אז יהושע האָט געזאָגט מען זאָל די נביאים ארעסטירען. פרעגט זיך דאָך, פארוואס ? נאר ווייל זיי האָבען געזאָגט אז משה מת, איז פאר אזא נבואה קומט זיי ארעסטירען— ווייל דער וואס לאָזט איבער נאָך זיין טוידט גוטע קינדער זאָגט מען אויף איהם ניט דעם לשון „מת".

די תורה זאָגט דאָך אזוי אין במדבר : וימת נדב ואביהו ובנים לא היו להם. דער „ובנים לא היו להם" איז א נתינת טעם צו דעם לשון „וימת".

אז די תורה זאָגט „וירץ הנער", דער יונגעל איז געלאָפען, איז דאָס געווים גרשום, ווייל מיט זייער נבואה וואָס זיי האָבען געזאָגט משה מת, האָבען זיי באליידיגט גרשום'ען. און דערפאר איז ער געלאָפען צו קעמפפען פאר זיין עהרע און רעכט.

מס' נדרים ס"ד: כל אדם שאין לו בנים חשוב כמת שנא' הבה לי בנים, ואם אין מתה אנכי).

דערפאר זאָג איך צו אייך, טייערע קינדער ! אייער

פאַטער איז ניט טויט ! ווייל איהר זייט דאָך גוטע גע־טרייע קינדער, — וועט איהר דאָך פרעגען : אויב ער איז ניט טויט, פארוואס זאָג איך א הספד ? וועל איך אייך ענטפערען : די גמרא (אין שבת קנ"ג) זאָגט : א"ל רב לרב שמואל אחים לי בהספדאי דהתם קאימנא. רב זאָגט צו שמואל'ן, דו זאָלסט זאָגען ווארימע, ריהרענדע ווערטער, אין מיין הספד, ווייל איך וועל דאָרטען שטעהן. איז דאָך אונמעגליך צו פארשטעהן : סטייטש ! ווי קען א טויטער שטעהן ביי זיין אייגענער לויה, ר"ל ? נאָר דער ענטפער איז פשוט : ווען א מענש לעבט, ווערט ער אָנגערופען א הולך. ד. ה., ער געהט, ער פּראָגרעסירט, אלץ העכער און העכער, מיט יעדען טאָג, מיט יעדער שטונדע. אָבער ווען ער איז טויט, בלייבט ער שוין שטעהן אויף דעם אָרט, וואָס ער האָט דערגרייכט. אָט דערפאר האָט רב געבעטען רב שמואל'ן ער זאָל מיט זיין הספד דערוועקען אין דעם עולם דעם ווילען אויפצוהאלטען דעם ווייטערדיגען פּראָג־רעס אין דער צוקונפט נאָך רב'ס טויט. דערמיט וועט רב ניט זיין טויט, ווייל זיין אידעע וועט ווירקען אין לעבען נאָך זיין טויט. דהתם קאימנא !

„ווארימע רייד זאָלסטו זאָגען אין מיין הספד !"— האָט רב געבעטען שמואל'ן. — אָט דערפאר, מיינע טייערע פריינד! און איהר קינדער! וויל איך דערמאָנען און אויפ־וועקען אין אייך דעם פערלאנג צו געהן אין אייער פאָ־טער'ס וועגען, צו זיין שטאָלצע, גוטע אידען.

די גמרא דערצעהלט אז דער גרויסער העלד אלכסנדר מוקדון, ווען ער פלעגט זעהן ר' שמעון הצדיק, פלעגט ער זאָגען : „געלויבט איז דער גאָט פון דעם עהרליכען שמעון. (אלכסנדר מוקדון כד חזי לר' שמעון הצ' אמר בריך אלקי דשמעון הצדיק). פון דעם זעהען מיר אז די גוטע אידען, די עהרליכע, זיי הויבען אויף דעם פּרעסטיזש פון דער גאַנ־צער אידישער פאלק,

ווען איך זאָג עהרליך, מיין איך ניט מען זאָל זיין פרום, ווייל פרום מיינט אין ר״ת פיעל רשעות ווייניג מצוות — איך מיין נאר מען זאָל זיין גוט, מען זאָל האָבען א גוטע הארץ.

איהר זייט דאָך ניט אזוי ווי יענע קינדער אויף וועלכע דער נביא קלאָגט: האומרים לעץ אבי! (ירמיה)— ד״ה זיי ווייגען נאר ווען מען לעגט אריין דעם פאָטער אין דעם האלצערנעם באָקס, אָדער ווען מען שטעהט אויפ'ן סעמעטערי ביי דעם שטיין, אָבער נאָכדעם פארגעסען זיי.

איך האָב אמאָהל געזאָגט צו א קארגען גביר, א לענדלאָרד וואָס פלעגט רייסען הויכע רענט ביי די אָרימע לייט: איהר זעהט דאָך! אָט איז געשטאָרבען א איד א גביר, און ער האָט קיין זאך ניט מיטגענומען מיט זיך אין קבר. — האָט דער לענדלאָרד מיר געענטפערט:— אָט דאָס טענה איך דאָך מיט די קבצנים, די טענענטס:— וואָס אהרט אייך אז איהר וועט צאָהלען נאָך א פּאָר דאָלאר רענט? איהר וועט דאָך די געלד אלץ איינס ניט מיטנעמען מיט זיך אויף יענער וועלט . . .

עס איז דאָ אזוינע מענשען וואָס זיינען ווי יענער טויבער, אז מען זאָגט איהם נעם געלד, הערט ער; אָבער ווען מען זאָגט איהם: גיב! איז ער טויב און הערט ניט . . .

משה רבנו ע״ה האָט געבעטען ביי גאָט אז ער זאָל באַשטימען אלס זיין ממלא מקום אזא מענשען וואָס „ואשר יוציאם ואשר יביאם" (פינחס). — איהר, קינדער, מיט אייער צדקה וואָס איהר וועט ארויסגעבען, מיט אייערע גוטע מעשים, וועט איהר אריינברענגען אייער פאָטער אין גן עדן, צווישען די גרויסע צדיקים, און ער וועט ניט זיין טויט. ווייל זיין נשמה וועט לעבען דורך אייערע גוטע מעשים. דאָס מיינט „ואשר יביאם".

ותהא נפשו צרורה בצרור החיים.

דרשה ג׳

לחתונה של ת״ח

פריינדע ! פארוואס באנוצט די תורה א לשון „עלייה", דארטען וואו זי וואלט געדארפט זאָגען א לשון „הדלקה" ?

כדי צו פארשטעהן דעם ריכטיגען געדאנק פון דעם לשון עלייה, וועלען מיר אנאליזירען די שירים פון תהלים, וועלכע זיינען אויך געזונגען געוואָרען עפ"י עלייה, דאָס איז שיר המעלות ! אין איינעם פון די שירים, איז ער משנה דעם לשון און זאָגט „שיר למעלות (קכא).

לפע"ד זאָג איך, אז דערפאר זאָגט ער למעלות, ווייל למד מיינט לערנען, איז ער דאָ מרמז אין דעם שיר, אז אויב א מענש וויל זיין א בעל מעלות ? טאָ זאָל ער לערנען. אָט למשל א רב, קען דאָך קיינער ניט ווערען א רב סיידען ער לערנט פריהער, א רב איז דאָך א מלך ! „מנא לך דרבנן איקרו מלכים, דכתיב בי מלכים ימלוכו (גיטין סב). און מיר לערנען דאָך „שהמלכות נקנית בשלשים מעלות" ד"ה ל׳ מעלות (אבות פרק ו); אָט דערפאר זאָגט ער למעלות.

(דערפאר זאָגט די גמרא : תנו רבנן און ניט רבנן תנו, ווייל ערשט נאָכדעם ווי ער איז „תנו", ווערט ער א רב).

דער נאָמען יהודה, וועלכער מיינט לויבען גאָט, באַטרעפט אין גימט׳ ל. ד"ה, אז א מענטש דארף זיך לערנען ווי צו לויבען גאָט. עס איז כדאי צו באמערקען ווי גרויס די מצוה פון חתונה האָבען איז. אז ווייל יהודה האָט דאָך געגעבען איין עצה אז מען זאָל פארקויפען יוסף׳ן, און יוסף האָט דורכדעם ניט חתונה געהאט ביז 30 יאָהר, דערפאר

האַט דוד המלך וואָס ער שטאַמט פון יהודה'ן, ניט געקענט ווערען קיין מלך ביז 30 יאָהר, און ער האָט זיך געדארפט אזויפיעל אָנליידען פון שאול'ן. מדה כנגד מדה. און יהודה אליין איז אויך באשטראפט געווארען מיט דער פאסירונג פון תמר'ן, וועלכע איז געוועזען אין סכנה צו פארברענט ווערען ווען זי איז געווען שוואנגער מיט אזוינע טייערע קינדער, פון וועלכע משיח דארף ארויס קומען. דאָס איז מרומז אין למעלות.

אָט דאָס איז דער גרויסער למוד וואָס מיר קענען לערנען אין דעם שיר למעלות. „אשא עיני אל ההרים", דוד זאָגט : אז איך גיב א קוק צו מיין פערגאנגענהייט, „אל ההרים" מיינט אל ההורים, ד.ה., צו מיינע עלטערען, — זעה איך אז „מאַין"! אז איך בין דאָך פון גאָרניט, ווייל מיינע עלטערען זיינען דאָך שיעור ניט פארברענט גע-ווארען, נאָך זייענדיג ביי דער מאַמע אין בויך !

די **גמרא** זאָגט: (ברכות מ"ז) „תשעה וארון מצטרפין" פרעגט די גמרא: וארון גברא הוא ? איז דאָך שוועהר צו פארשטעהן, סטייטש : נו ! און די גמרא אליין האָט דען ניט געוואוסט אז איין אָרון איז ניט קיין מענש? נאר די גמרא רעדט דאָ ניט פון אזא ארון וואו די תורה שטעהט, די גמרא שמועסט דאָ פון א ת"ח וואָס איז אויסגעטהאָן פון דער גשמיות'דיגער וועלט, און איז ממש ווי איין ארון הקדש. פון אָט אזא ת"ח מיט נאָך א ניין (9) בעלי-בתים ווערט זעהר א גוטער מנין, זיי זיינען זיך גוט מצטרף . . . פרעגט אויף דעם די גמרא : סטייטש ! וויאזוי קענען זיי זיך מצטרף זיין ? וארון גברא הוא ? די בעלי בתים האלטען דאָך פון דעם כלל, אז דער רב דארף זיין ווי איין אָרון הקדש, ווי א מלאך, „והעם יבקשו תורה מפיהו, כי מלאך ד' צבאות הוא", און א מלאך איז דאָך ניט קיין מענש און ער דארף דאָך ניט עסען . . .

אַט דערפאַר, רבותי! זאָג איך צו אייך, אַז אונזער חתן, האָטש ער איז א חכם און א למדן, איז ער אָבער א מענש צווישען מענשען, ער איז ניט קיין מלאך, ער איז ניט פון יענע חתנים וואס זיי זוכען א כלה מיט (3) דריי מעלות: 1) זי זאָל זיין רייך; 2) זי זאָל האָבען געלד, און 3) זי זאָל זיין פארמעגליך. — ניין! ער האָט בלויז געזוכט א געטרייען חבר אין לעבען, און גאָט האָט איהם צוגע־שיקט איין אמת'ע, שעהנע, געטרייע פרוי!

אַט דער זילבערנער חתן אונזערער איז א גרויסער למדן, אָבער ער איז ביי זיך פשוט. ניט ווי יענער רב וואָס פלעגט וועלען מען זאָל איהם טיטולירען מיט'ן נאָמען דאָקטאָר. איינמאָהל האָט איהם א אידענע געפרעגט: רבי! איך האָב א שאלה אויף א געשאָכטענע הינדעל. זאָגט דער רב: פליעז רופט מיך דאָקטאָר! איז די אידענע אנטלאָ־פען. פרעגט זי דער רב: פאַרוואָס אנטלויפט איהר? ! זאָגט די אידענע, איך האָב דאָ גאָרניט וואָס צו טהאָן! די הינדעל איז שוין טויט און קיין שום דאָקטאָר קען איהר שוין ניט העלפען.

אָבער אונזער חתן איז ביי זיך ניט שטאָלץ מיט זיינע טיטולען, דערפאַר וועט די אידענע ניט אנטלויפען.

איך בין אמאָהל געוועזען צו א חתונה, פון א יונגע מיידעל מיט א רייכען מאַן. פרעג איך די מיידעל: דו ביזט שוין אלעם דערגאנגען וועגען דיין מאַן? האָט די מיידעל געענטפערט: אלעם דערגאנגען נאָר די יאָהרען ניט! אָבער איך האָף אַז דאָס וועל איך דערגעהן נאָך דער חתונה.

אַט דערפאַר זאָגט די תורה (אין בהעלותך) אל מול פני המנורה יאירו! ד"ה, די פרוי, די וועלכע דאַרף אָנ־

צינדען די אמת'ע ליכט אין דעם פאמיליען לעבען, דארף זיין גלייך מיט'ן מאן. זי זאָל זיך ניט גרויסען געגען דעם מאַן, און דער מאן ניט אנטקעגען איהר. זיי זאָלען זיין ביי זיך פשוט און אויפריכטיג.

די פרוי זאָל ניט דארפען קיין מעדיצין. ווייל אין אייניגע פאמיליעם דארף די פרוי חו"ש א מעדיצין, אָט למשל איז א מאַן געקומען צו א רב, און באקלאָגט זיך אז זיין פרוי איז קאַלט צו איהם, האָט דער רב געזאָגט, עס איז דאָ צו דעם א מעדיצין. קויפט איהר א פוטער מאַנטעל, וועט זי ווערען ווארים. !

אָדער א פרוי האָט געזאָגט צו א מאַן : דו ווייסט אז דער דאָקטאָר האָט א קוק געטהאָן אויף מיין צונג, האָט ער מיר פארשריבען א מעדיצין צו קרעפטיגען. — האָט דער מאן אָנגעפאנגען שרייען : אוי, גוואלד ! און אָהן א מעדיצין האָסטו דען וויניג קראפט אין דיין צונג ? !

עס זיינען דאָ אזוינע פרויען וואָס טרייבען מיט זייער צונג ר"ל צו משוגעת !

איך בין אמאָהל געגאנגען וויזיטען מיינעם א מעמבער וואָס איז נעביך משוגע געוואָרען, ווייל זיין פרוי איז פון איהם אנטלאָפען. פרעג איך דעם דאָקטאָר וועגען מיין מעמבער'ס אויסזיכטען ? האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אז מיין מעמבער איז שרעקליך קראנק, אָבער ער האָפט אז ער וועט בעסער ווערען.

דערווייל האָב איך געהערט שרעקליבע געשרייען פון א גייסטיג קראנקען. פרעג איך דעם דאָקטאָר : וואָס זיינען די אויסזיכטען פון אָט דעם אומגליקליכען ? האָט דער דאָקטאָר געענטפערט : דאָס איז דער מאַן וואָס איז אנטלאָפען מיט אייער מעמבער'ס ווייב. ער האָט ניט קיינע האָפנונגען !

איינמאָהל בין איך געוועזען אויף א זילבערנע חתונה, און א גענעראל וואס איז געוועזען א גוטער פריינד פון דעם חתן, איז צוגעגאנגען צום חתן און איהם צוגעשפּיליט א מעדאל צום ברוסט. נאָכדעם איז ער צוגעגאנגען צו דער כלה און איהר אויך געגעבען א מעדאל.

„יעדער פאמיליען לעבען איז א מלחמה", האָט דער גענעראל געזאָגט, „און יעדער וואָס באווייזט דורך צו לעבען פינף און צוואנציג יאָהר אין אזא מלחמה און ארויסקומען מיט גאנצע ביינער, אָט דער איז א העלד, און ער פארדיענט כשר א העלדען מעדאל! — איך ווינש אייך איהר זאָלט דערלעבען צו טראָגען אזעלכע מעדאלען.

יעצט, מיינע פריינדע, פארשטעהט איהר שוין פאר־וואָס צו פינף און צוואנציג יאָהר נאָך א חתונה פראוועט מען א זילבערנע חתונה — עס קומט א זילבערנע מעדאל ! (ניט ווי מוסאָליני האָט געפרעגט א סאָלדאט פארוואָס קומט דיר א מעדאל ? האָט דער סאָלדאט געענטפערט : ווייל איך בין געווען דער ערשטער צו אנטלויפען פון טוניסיע).

איך פארשטעה אז די שוויגער איז אויך צופרידען פון דעם חתן'ס באשעהרטע, ווייל איך האָב אמאָהל גע־פרעגט א פרוי, וועלכע האָט חתונה געהאט מיט איהר מאן, געגען זיין מאמעס ווילען, אויב זיי האָבען זיך שוין איבערגעבעטען ? און אויב די שוויגער גלייכט זי ? האָט די פרוי געענטפערט, ווייזט אוים אז ניט, ווייל זי וואוינט איצט מיט אונז צוזאמען.

איך וואונש דעם חתן מיט דער כלה א גליקליכען לעבען. די כלה זאָל ניט האָבען קיין צרות פון איהר קאָפּ. ווייל א איד האָט זיך פאר מיר פארקלאָגט אז זיין ווייב האָט צרות פון קאָפּ. זאג איך צו דעם אידען : לעגט ניט

אָפּ ! געהט מיט איהר צו א דאָקטאָר ! זאָגט דער איד : קיין דאָקטאָר וועט איהר ניט העלפען, זי דארף אלעמאָל נייע פאריזער העטס. . .

דער פאמיליען לעבען איז געבויט אויף חנוך הבנים, און יעדער איד קען האָפען אז פון איהם זאָל ארויסקומען דער גואל צדק. ווייל ווען יצחק האָט דערזעהן זיין רבקה׳ן זאָגט די תורה, „וירא והנה גמלים באים״, גמלים איז א לשון גמול (תה׳ קלז) שישלם לך את גמולך. יצחק האָט געזעהן אז דער בעל הגומל וועט פון איהם ארויסקומען — גאָט וועט באַצאָהלען אלע רשעים און אנטיסעמיטען פאר זייער רשעות, און מיר וועלען זעהן בנחמת ציון וירושלים בב״א.

מיינע פריינדע ! פיעלע ווערטער טייטש איך מיט א פארדרעהטען פשט׳ל. אזוי ווי איך טייטש דאָ „גמלים״ א לשון ״גמול״, (באצאָהלען). — אָדער ווי א ישובניק האָט געטייטשט : „ויברך את הגמלים״ ער האָט געבענשט די קעמלען. אָבער עס איז צוליעב זעהר א וויכטיגען צוועק.—

מיין טייערער פריינד, דער מאָזשיצער רבי שליט״א, דערצעהלט מיר אז זיין זיידע פלעגט אריין קריכען שנעל ביי א גוי אויפ׳ן וואָגען, ביפאָר דער גוי האָט געזאָגט: שדי! (חאָטש אויף גויאיש מיינט עס: זעץ זיך אנידער).

דרשה ד.

להכנסת תורה

ויהי בנסע הארן ויאמר משה קומה ד'. (רש"י : לפי שהיה מקדים . . . היה משה אומר עמוד והמתן לנו, ואל תתרחק ממנו).

רבותי ! מיר נעמען דאָ אין שוהל היינט אויף זעהר א וויכטיגען, טייערען גאַסט. מיר נעמען דאָ היינט אויף די תורה ! אַט דערפאר שריי איך יעצט אוים : עמוד, עמוד! ואל תתרחק ! אידען, דערווייטערט זיך ניט פון דער תורה !

עס איז דאָ א פסוק (שמואל א', סימן כ) אין וועלכען עס איז דאָ איין אַנדייטונג ווען די גאולה וועט קומען : „אם אמר אמר לנער הנה החצים ממך והנה" — חצים, מיינט מען די תורה ! ווייל מיר אידען האלטען ניט פון קוילען וואָס פארניכטען די וועלט, און הרג'נען מענשען. ניין ! מיר האלטען פון דעם אז מען דארף די וועלט ציווויליזירען, אויפקלערען, דאן וועט זיין גוט פאר אלעמען. הקול, איז קויל יעקב. אַט דער קול פון תורה, דאָס איז יעקב'ס קוילען. נער, דאָס מיינט מען דאָס אידישע פאָלק ! דער נביא רופט אָן דאָס אידישע פאָלק „נער". (הושע יא) כי **נער** ישראל ואוהבהו. (פון ליעבשאפט צום פאָלק רופט ער עס נער, דאָס מיינט יוגענד) — דער געדאנק פון דעם פסוק איז אזוי : אויב דאָס אידישע פאָלק וועט האלטען די תורה נאָהענט צו זיך, ד. ה., אם אמר לנער הנה החצים ממך והנה, — דאן וועט קומען די גאולה; קחנו ובאה, כי שלום לך !

אויב אָבער אז אידען וועלען זיך חו"ש דערווייטערען פון דער תורה, „אם אמר **לעלם** הנה החצים ממך והלאה"

עלם, איז א לשון העלמת עין. ד.ה., אויב אידען ר"ל וועלען זיך מעלים עין זיין און דערווייטערען פון דער תורה, עס וועט זיין עלם, און חצים הלאה ! דאן וועט זיך חו"ש דער גלות פארלענגערען, דאן וועט ר"ל זיין לך ! כי שלחך ד', ד.ה., גאָט האָט אונז משלח געווען. עס איז א צרה ווייל עס איז בנסע הארן.

אָט דאָס איז דער רעיון פון הפטרת מחר חדש, ווייל חדש מיינט מען א נייע וועלט, (לשון חדש-ניי) און דער סימן פון דער גאולה איז אצל האבן. אָבן—מיינט מען די תורה—מלשון שני לוחות אבנים. אָבן ! איז אין גימט' 53, און אָט אזוי פיעל סדרות איז דאָ אין דער תורה (ווייל ויגש און ויחי רעכנען זיך מחוברים).

שלשת החצים צדה אורה. דאָס מיינט מען די דריי קוילען : — תורה — נביאים — כתובים. — אורה , דאָס איז דאָך די גרעסטע ליכטיגקייט, און די רשעים ווילען ברענגען פינסטערניש אויף דער וועלט, זיי ווילען אויסרייסען דעם לאמפּ, ד. ה., די תורה. זיי האָבען שוין פארניכטעט לענדער און זעהר אסאך מענשען. און דורך זיי האָט מען אפילו אין דער פרייער אמעריקא געמוזט מאַכען פינסטער, אָבער דער רבש"ע וועט זיי באצאָהלען מדה כנגד מדה, אָט די אנטיסעמיטען וועלען אליין מוזען ווערען א ברענענדיגער לאמפּ, א לאמפּ מוז מען די ערשטע זאך אויפהענגען, אין אָבענד דארף מען איהם אָנצינדען, און ביינאכט ברענט ער, ביז עס ווערט ליכטיגער טאג. דאן נעהט ער אוים. אָט אזוי וועלען די אנטיסעמיטען הענגען, אָנצינדען זיך און ברענען דורך אונזער פינס-טערע גלות נאַכט, און אז משיח וועט קומען, אז „אתאָ בקר", דאן וועלען זיי אויסגעהן ווי א ליכט, ימ"ש וזכרם !

אָט דאָס איז דער געדאנק פון די ווערטער : מדוע לא בא בן ישי ? ד.ה., פארוואס קומט ניט משיח בן דוד ?

ער קען אָבער ניט קומען, סיידען מיר אידען וועלען פריער שיסען מיט אונזערע קוילען פון ציוויליזאציע, מיט'ן גרויס-ען שטראם פון ליכטיגקייט, מיט דער **תורה**.

ניט ווי יענער ישוב'ניק, אז מען האָט איהם מכבד געווען מיט אריין שרייבען איין אות אין דער תורה, האָט ער געכאַפּט די פען ביי דעם סופר, און געוואָלט אליין שרייבען. פרעגט איהם דער סופר: איהר קענט דען אליין גוט שרייבען? חו"ש, האָט דער ישוב'ניק געענטפערט, איך קען ניט. נאר איך חתמע מיין נאָמען מיט א צלם.

מיר האָבען ר"ל אסאך אזוינע ישוב'ניקעס, וואָס וואָלטען וועלען אריין ברענגען דעם צלם אין אונזער אי-דישער אמונה!

רבותי! טייערע אידען! איהר קענט קויפען די אותיות פון אייערע נעמען, דאָס איז א גרויסע, זעהר א גרויסע מצוה! און אויך א חכמה, ווי צו פאראייביגען אייער נאָמען אין דער אייביגער תורה.

דער ארון הקדש איז געמאַכט פון האָלץ — עצי שטים. ווייסט איהר פארוואָס? ווייל אין דעם ארן שטעהט די תורה וועלכע איז **עץ חיים היא** למחזיקים בה. שטיצט זשע רבותי די תורה! וועט זי אייך זיין צו הילף, אז איהר זאָלט לאנג לעבען און זיין געזונד! **עץ חיים** היא למחזיקים! נישט למזיקים, נאר ל**מח**זיקים!

אויף דעם פסוק: שני גוים בבטנך, זאָגט רש"י „אלו אנטונינוס ורבי שלא פסקו מעל שולחנם לא צנון ולא חזרת"... — ווייסט איהר מיינע פריינדע וואס פאר א געדאנק דאָ ליגט אין די ווערטער צנון וחזרת?

פשוט! צנון העלפט איבערקעהרען דעם עסען, און

חזרת שניידט דעם עסען פאנאנדער אין מאַגען. דאָס מיינט אז רבי מיט אנטונינוס'ן האָבען געוואוסט אז דער עסען איז ניט דער עיקר; מען מוז דאָך עסען, אָבער דער צוועק פון דעם עסען איז, אז מען זאָל איהם איבערקעהרען צום כח און קראפט. אויף צו קענען טהאָן גוטעס אויף דער וועלט.

יעצט רבותי! האָבען מיר א געלעגענהייט איבער צו קעהרען דעם עסען צו איין תכלית, צו דערגרייכען דעם צוועק. מיר האָבען דאָ דעם תכלית! מיר האָבען דאָ די תורה! שרייבט אריין אייערע נעמען אין דער תורה; ווייל אָט אויף דעם לעבען מיר, אָט דעריבער עסען מיר, „אם אין תורה אין קמח", — איז דאָך א קשיה: סטייטש! מיר האָבען דאָך געזעהן אז מענשען האָבען קמח חאָטש זיי האָבען אין זיך ניט קיין תורה — נאָר דער ענטפער איז פשוט: אויב זיי האָבען ניט קיין תורה, טאָ צו וואס טויג זיי די קמח? אז זיי זיינען דאָך ניט מהפך דעם עסען צום תכלית, אז זיי האָבען ניט קיין צנון וחזרת אויף זייערע טישען. וד"ל.

זייט ניט רבותי אזוי ווי יענער חתן בחור, וואָס האָט געזאָגט אז ער קען ניט חתונה האָבען, ווייל פאר א גע'גט'ע האָט ער מורא, וויבאלד זי טויג ניט פאר יענעם, טויג זי פאר איהם אויך ניט. פאר איין אלמנה האָט ער מורא, אז ער זאָל חלילה ניט שטארבען אזוי ווי יענער. און א בתולה — זאָגט ער— ווייסט מען דאָך גארניט אויב זי טויג? — נאר יענעם'ס ווייב, זאָגט ער, דאָס וואָלט יע געווען גוט; ווייל וויבאלד זי טויג פאר יענעם, איז זי גוט פאר איהם אויך. און אָט אזוי זיצט ער שוין, אָט יענער בחור, ביז פופציג יאָהר.

זיצט ניט רבותי! די תורה איז אונזער כלה — א"ת מורשה אלא מאורסה. קויפט כלה-מתנות, גיט געלד, ווייל מיר טהוען א גוטען שדוך; מיר האָבען א רייכען מחותן,

דער רבש״ע איז דער מחותן, און ער זאָגט דאָך לי הכסף ולי הזהב (חגי ב).

און אז דער רבש״ע איז אונזער מחותן, וועט דאָך איהם ניט אָנשטעהן חו״ש, אז מיר זאָלען זיין אָרימעלייט. וועט ער אונז מאכען רייך ! — טאָ זעהט-זשע, שנעלער ! קויפט כלה מתנות צו דער תורה, גיט געלד ! וועט איהר רייך ווערען).

איהר קענט קויפען די אותיות פאר אלעמען אין די אויגען, אז אלע זאָלען זעהן.

א גלח האָט אמאָהל געפרעגט ביי א רבֿ, פארוואָס ביי אונז שוהל טומעלט מען ? און ביי זיי איז שטיל, בלויז דער גלח אליין רעדט. האָט דער רב איהם געענטפערט, עס איז אונזער תורה, מיר האָבען עס ניט גע׳גנב׳עט, שרעקען מיר זיך ניט צו שרייען הויך, אָבער איהר האָט דאָך אסאך זאכען אין אייער טעסטאמענט וואָס איהר האָט שוין גע־גנב׳עט פון אונזער תורה, דערפאר מוזט איהר האנדלען שטיל, פונקט ווי מיט גע׳גנב׳עטע סחורה.

פריינדע ! איהר זייט אלע ווילקאָמען אין אונזער שוהל צו טומלען און צו קויפען, און צו דאווענען און אלדאס גוטעס. — ניט ווי אין יענעם טעמפעל : --

א גרינער האָט ניט געהאט קיין געלד אויף א טיקעט ראש השנה. איז ער צוגעגאנגען צום שמש און געזאגט : איך וויל אריין געהן אין שוהל און ארוים רופען מיינעם א בעקאַנטען, וויל זיין ווייב איז קראנק. זאָגט דער שמש, איהר קענט אריין געהן, נאר געדענקט אויב איך וועל אוים־געפינען אז איהר דאווענט, וועל איך אייך ארוים שמייסען.

ניין, רבותי ! איך האלט אז איהר מעגט אפילו דאווענען

דאָ אויך. אָבער צו אויפהאלטען די שוהל מיט דער ת"ת דארף מען געלד! טאָ גיט געלד!

(אויב איהר ווילט וועל איך אייך זאָגען נאָך א פּאָר ווערטער:

די מלאָכים האָבען ניט געוואָלט לאָזען משה'ן נעמען די תורה, זיי האָבען געוואָלט די תורה. האָט זיי משה רבינו געפרעגט, אויב זיי ווילען די תורה, טאָ פארוואָס האָבען זיי געגעסען פלייש מיט מילך ווען זיי זיינען געווען ביי אברהם אבינו? האָבען זיי ניט געהאט וואָס צו ענטפערן.

ביי מיר איז אמאָהל געקומען א איד און האָט אין א שפּאָס געפרעגט: אזוי ווי ער מיט זיין פרוי האָבען געגעסען פלייש און פארטרונקען מיט מילך, טאָ וואָס דאר־פען זיי יעצט טהאָן? האָב איך געענטפערט אז דער דין איז אזוי ווי מיט א מעסער, מען דארף זיי ביידען אריין שטעקען אין דער ערד.

איהר פארשטעהט, רבותי! מען טאָר קיין לצנות פון דער תורה ניט מאַכען! אז איך זאָג א שפּאַס, טהו איך עס למען המצוה של החזקת ביה"כ. — ווייל אונזער שוהל איז אזוי ווי א שעהנע פרוכט, אָבער אינוויינינג איז דאָ ווייניג זאפט. זי שטעהט אין אָרימען געגענד, און מען דארף געלד אויפצוהאלטען די שוהל מיט דער תלמוד תורה).

די מאַסקיטעס (איך מיין משכילים) זאָגען: „אדם קרוב לעצמו", איז דאָך א קשיה! די גמרא זאָגט דאָך אצל עצמו! (יבמות כה) — דער פּשט פון „אצל" מיינט: אז א מענש איז נעהענטער צו דעם וואָס איז ביי זיין זייט. אצל עצמו! און די שוהל איז דאָך אונז אזוי נאָהענט, ווייל „אצל האָבן", מען לערענט דאָך דאָרטען תורה!

★ ★

שלח

שבח על ת״ח שמת בניסן

היש בה עץ, (רש״י) אם יש בה אדם כשר שיגין עליהם. **רבותי!** וואָס מיינט עס „אדם כשר״? ווי פאסט זיך דער לשון „כשר״ אויף א מענשען? דער ווארט „כשר״ פאסט זיך דאָך אויף א פראָדוקט, אָבער ניט אויף א מענשען. (די גמרא אין שבת ק״ה באַנוצט אויך דעם לשון „כשר״ אויף א מענשען).

מיר קענען דאָך ניט זאָגען אז די תורה מיינט דאָ כשר: א רב וואס זאגט גאנץ קרום א דרשה. ווייל ניקב הקרום, איז ניט כשר, אָבער גאנץ קרום איז כשר — ניין! דארפטען זיינען דאָך ניט געווען קיין רבנים.

דענק איך אז די גמרא און רש״י ווילען דאָ אויסדריקען מיט דעם ווארט **כשר** אזא סאָרט מענשען, וואס באַנוצט זיינע כשרונות לטובת הכלל. „כשר״ איז א לשון „כשרון״. אויב מיר וועלען עס טאקע אזוי טייטשען, דאן פארשטעהען מיר זעהר גוט די ווערטער „אדם כשר שיגין עליהם״.

מיר געפינען אין תנ״ך דעם לשון **מה היא** אייניגע מאָהל. (אין שלח) וראיתם את הארץ **מה היא.** (אין חיי שרה) כסף ביני ובינך **מה היא.** (אין תהלים ל״ט) ומדת ימי **מה היא** (אין זכריה) ואמר **מה היא.** — אָט די אלע אויסשפרוכען מיט דעם זעלבען לשון **מה היא,** האָבען

צווישען זיך א געמיינשאפטליכען געדאנק. זיי שטעלען פאַר דעם פארשיעדענארטיגען האראקטער פון מענשען. עס איז דאָ א גרופע מענשען וואָס זייער הויפט ציעל אין לעבען איז געלד, דאָס איז די גרופע פון **כסף** ביני ובינך **מה היא**.

עס איז אָבער דאָ אזא גרופע, וואס זיינען מפקיר זייער צייט, געלד און ענערגיע לטובת הכלל, דאָס איז די גרופע פון **ומדת ימי מה היא**(ומדת לשון ומדות טובות). דאָס זיינען מענשען מיט גוטע הערצער וואָס שטרעבען ניט צו קיין געלד, אָדער צו הייזער מיט מאָרטגעדזשעס אין באַנק, זיי זיינען צופרידען מיט א באַנק אין הויז.

מיינע פריינדע ! אַט אָ דער מענש וואס איז פון אונז יעצט אוועק אויף דער אמת׳ער וועלט, ער האָט זיכער באַלאַנגט צו דער האַראַקטער גרופע פון „ומדת ימי **מה היא**, און צו דעם קלאס פון **אדם כשר**, ווייל ער האָט באַנוצט זיינע (כשרונות) פעהיגקייטען, ענערגיע און גע־זונד פאַר׳ן פאָלק און פאַר דער מענשהייט.

איהר הערט, מיינע טייערע פריינד ! עס איז דאָ א פסוק (אין קהלת ד) „ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה”, איז דאָך דער פסוק זעהר קשה : סטייטש ! פארוואס לויבט עפּים קהלת די טויטע מעהר פון די לעבעדיגע ? מיט וואס זיינען דאָס די טויטע מעהר מיוחסים פון די לעבעדיגע ? און אין אלגעמיין איז דאָך צופיעל ווערטער אין דעם פסוק. ער האָט דאָך געקענט זאָגען „ושבח אני את המתים מן החיים”.

איז דער ענטפער אזוי:

דער פסוק שמועסט דאָ פון אזוינע מענשען, וועלכע זיינען ניט קיין טויטע טאקע אויף איין אמת, נאָר אזוינע מענשען וואס לעבען, נאר זיי שטאַרבען אָפּ פון דעם

גשמיות׳דיגען לעבען, פון די תאות הבהמיות, פון די ערד־ליכע און קערפערליכע פארגעניגענס, און זיי ווידמענען זייער געזונד און צייט פאר דער מענשהייט און די תורה.

אַט דאָס האָט קהלת אויסגעדריקט אין די ווערטער: „ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים״. ד.ה., איך לויב יענע טויטע, וועלכע זיינען שוין פון לאַנג אָפּגעשטאָר־בען, נאָך זייענדיג ביים לעבען, אַט אַזעלכע טויטע מעג מען לויבען אלע מאָהל אפילו אין ניסן, ווייל זיי זיינען אין א פיעל העכערע מדרגה פון די לעבעדיגע וואָס לעבען נאָך „אשר המה חיים עדנה״ ווייל אַט די טויטע לעבען דאָך, „במיתתן קרויים חיים״).

אַט דאָס מעג מען זאָגען אין ניסן אויך, ווייל עס איז דאָך ניט קיין הספד.

אַט דאָס איז די אורזאכע פארוואס יעקב אבינו האָט פריהער ניט געגלויבט אז יוסף לעבט, „כי לא האמין להם״. אָבער אזוי שנעל ווי ער האָט דערזעהן די עגלות, האָט ער באַלד אויסגעשריגען: רב! עוד יוסף בני חי! ווייל חאָטש יעקב אבינו האָט זיכער געגלויבט אז יוסף לעבט, אָבער זייענדיג אין אזא לאַנד ווי מצרים א משנה למלך, האָט יעקב זיך פאָרגעשטעלט אז צו דער תורה פון שם ועבר איז ער שוין אָפּגעשטאָרבען. אָבער אז ער האָט דערזעהן אז יוסף דערמאָנט איהם די פרשה פון עגלה ערופה, האָט ער אויסגעשריגען: רב! עוד יוסף בני חי! מיין זוהן איז א לעבעדיגער איד (א רב).

פריינדע! אַט אַ דער תלמיד חכם איז אויך ניט טויט, זיינע מעשים און זיין תורה לעבט!

אַט דאָס איז דער פשט אין אָבות ד „הילודים למות

והמתים לחיות", אַט די וועלכע ווערען ווי א מטבע אין א פּוסטען קרוג פּאָפּולער און באריהמט אין דער ערדליכער געזעלשאפט, „למות", זיי שטארבען אָפּ פון דער אמת'ער וועלט.

אָבער אַט די אמת'ע ת"ח, וועלכע זיינען אין דער בחינה פון „עני חשוב כמת" נאך ביי זייער לעבען, אַט די ת"ח וועלכע זיינען אין דער בחינה פון „נשכחתי כמת מלב"... אַט אַ די מתים איז לחיות! ניט נאר זיינען זיי ניט טויט ביי זייער לעבען, נאר אפילו ווען זיי שטארבען לעבען זיי! זייערע מעשים טובים, זייער תורה לעבט!

און צום שלוס, רבותי! וויל איך זאָגען, אז דער רבש"ע האָט דאָ אונז אָפּגעטהאָן אזוי ווי יענער רב: —

א רב האָט אָפּגעשטימט די חתונה פון זיין טאָכטער אויף א געוויסען טאָג, אָבער אזוי ווי דער גביר פון יענער שטאָדט האָט אויך געוואלט פּראווען אין יענעם טאָג די חתונה פון זיין טאָכטער, און דער איינציגער בענד מוזיק וואָס איז געוועזען אין שטעדטעל, וואלט דאָך ניט געקענט שפּיעלען אויף ביידע חתונות, האָט דער רב איינגעלאַדען דעם גביר צו זיך. ממילא האָט דער גביר געמוזט אָפּלעגען די חתונה פון זיין טאָכטער אויף איין אנדער טאָג.

אַט אזוי, מיינע פריינדע, האָט דער רבוש"ע געטהאָן צו אונז: ער האָט באַשטימט צו צונעמען אַט דעם גרויסען ת"ח פון אונז, אין דעם חדש ניסן, און ער האָט געזאָגט צו אונז, די טרערען מיט דעם הספד וועט איהר מוזען אָפּלעגען אויף איין אנדער טאָג. **נשמה** איז בגימט' „השמים", און השמים שמים לד'. גאָט האָט צוגענומען די נשמה פון דעם ת"ח צו זיך.

צו איך, מיינע פריינדע, וויל איך זאָגען, אז פאַלשע טרערען מיט נארישע צערעמאָניעס איז זעהר ניט ריכטיג.

אַט צום ביישפיעל, האָט א פרוי אמאָהל א קוק געטהאָן אויף א מת, ווען ער איז געלעגען אין באַקס, האָט זי א קלאַפּ געטהאָן מיט׳ן האנד אין באַקס, און געזאָגט: „נאָך אַן וואוד, ער קוקט אוים שעהן, אָן עין הרע״! . . .

ווען דער צדיק לעבט, איז ער „כתמר יפרח״, ווייל ער איז זיך עוסק אין דער תורה וואָס באַשטעהט פון זעקס הונדערט און דרייצען מצות, און פון די זיבען און צוואַנציג אותיות פון אלף בית, ס״ה גימט׳ ת״מ״ר, זעקס הונדערט מיט פערציג. — אָט אויף דעם וואָס דער תמר איז אויסגעריסען גע־וואָרען טהוט אונז אויף איין אמת וועה די הארץ.

מיר קענען זאָגען בלויז די עטליכע ווערטער פון (איכה ב, י״ג) „כי גדול כים שברך, מי ירפא לך״! ווייל אזוי ווי ווען א שיף ווערט צובראָכען אויף׳ן ים און זי זינקט איז דאָך ניט קענטיג, ווייל זי איז דאָך אראָפּ אין דעם טיעפען אָפּגרונד פון ים, אזוי איז דאָ אונזער חורבן גרוים אָבער ניט קענטיג, ווייל מיר טאָרען אפילו ניט קלאָגען אויף דעם אין דעם חדש ניסן.

אָבער ביי אונז וועט דער פארלוסט פון אָט דעם גו־טען מענשען זיין קענטיג. ווי א חורבן אויף דער יבשה. ווייל דער גרויסער ת״ח איז ניטא ! א גרויסע נשמה איז אויסגעלאָשען געוואָרען. א נשמה וואָס האָט באלויכטען אונזער שווערען גלות. איצט זיינען מיר אלע פאר׳יתום׳ט ווייל דער ת״ח איז טויט.

נאָך מיר האָט געזאָגט נאָך א רב פאָלגענדע ווערטער:

ווער זאָגט עס אז אָט דער ת״ח איז געשטאָרבען ? אָ, ניין ! ער איז ניט געשטאָרבען ! אזעלכע גייסטער שטאַרבען ניט, — ער לעבט ! זיין נשמה שוועבט, מיר הערען זיין מעכטיגע שטימע, מיר זעהען זיין אויסגע־שטרעקטע האנד וואָס פיהרט אונז דורך אונזער לאנגען גלות וועג.

נאָכדעם האָט גערעדט א דריטער רב. האָט ער זיך געווענדעט צום טויטען און געזאָגט אזוי:

„דו ביזט ניט טויט! דו לעבסט! צדיקים קרויים חיים אפילו במיתתן!

ווען איך בין ארוים פון דעם הספד, האָט מען מיך געפרעגט: איז עס אמת אז דער רב איז געשטאָרבען? האָב איך געענטפערט: מען ווייסט נאָך ניט. — עס איז א מאָדנע וועלט . . .



קרח

דרשה בענין קדיש — לסדר׳ קרח ולפורים

די שוהל איז אָנגעפּאַקט מיט קדיש זאָגערס, און איהר ווילט אז איך זאָל אייך זאָגען א טעם פארוואס מען זאָגט קדיש ?

מיר לערנען אין דער תורה, אז מרע״ה האָט געזאָגט צו דער עדת קרח, „ואהרן **מה** הוא ! פרעג איך אייך, **רבותי** ! וואָס האָט משה געמיינט מיט די ווערטער : **מה**-הוא ? — דער ענטפער איז פשוט.

די גמרא (חגיגה ד׳) זאָגט : איזהו שוטה זה המאבד כל **מה** שנותנים לו, איז דאָך די גמרא קשה : סטייטש ! מיר זעהען דאָך אז עס זיינען דאָ שוטים וואס פארלירען קיינמאָהל גאָר ניט, אדרבה זיי געפינען זעהר אָפט, און גראדע חכמים פארלירען (לא לחכמים לחם).

נאָר דער פשט אין דער גמרא איז אזוי : דער כח פון חכם באשטעהט אין דעם ווארט **מה**. די גמרא (תמיד ל״ב) זאָגט : איזהו חכם הרואה את הנולד. נולד מיינט מען דעם תכלית פון יעדער ארבייט, און דער תכלית פון **חכמה** ד״ה, די ענדע פון דעם וואָרט **חכ-מה** איז די לעצטע צוויי אותיות : **מ ה** . די ערשטע אותיות שטעלען צוזאמען דעם ווארט **כ ח** . ד״ה, גאנץ פשוט : — דער חכם האלט זיך קליין און נידריג ביי זיך. ער פרעגט אלעס וואָס ער דארף פארשטעהן : **מה** זה ? ער איז אין דער בחינה פון א „לומד מכל אדם (פ״ק ד׳) אָט דאָס איז דער פשט פון די ווערטער (קהלת ז) ה**חכמה** תעז לחכם, די

אותיות **כח-מה** גיט איהם עז, שטאַרקייט „אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני", רש"י: **ומה** היא זו. ד"ה, דער **מה** האָט איהם ניט געהאָלפען בנוגע צו דעם טעם פון פרה אדומה, ווייל עס איז ניט געווען ביי וועמען צו פרעגען. אָט דאָס האָט מרע"ה געמיינט מיט די ווערטער : ואהרן **מה**-הוא.

איך בין מסביר דעם לשון פון תנא: **משה קבל תורה מסיני**. (און ער זאָגט ניט עפ"י דקדוק בסיני, אָדער על הר סיני) ווייל דאָס גופא וואָס גאָט האָט געגעבען די תורה אויף דעם קליינעם בארג סיני, דאָס אליין איז שוין א תורה . . . פון דעם אליין קען מען לערנען „כל התורה כולה", ווייל דאָס לערענט אונז עניוות, און „איזהו חכם, הלומד מכל אדם."

דער רבש"ע האָט אונז געגעבען די תורה אויף דעם קליינעם בארג סיני וואָס איז בגימט' **עני**, לרמז אז אין גלות וועט די תורה חו"ש נתמעט ווערען און די ת"ח וועלען זיין אָרים, דער רבש"ע וועט זיין א יושב בסתר. אָט דערפאַר זאָגען מיר **יתגדל ויתקדש שמה רבא** ! רבש"ע ! זאָל שוין קומען די גאולה, דיין נאָמען זאָל ווערען גרויס, עס זאָל שוין זיין תחה"מ.

דער נביא באנוצט דעם זעלבען לשון: והתגדלתי, והתקדשתי. (יחזקאל לח).

אָט דערפאַר זאָגט מען קדיש נאָך'ן לערנען פונקט ווי נאָך א טויטען, ווייל די ת"ח זיינען עני חשוב כמת און זיי בעטען אויף תחה"מ .

דער בערדיטשעווער זצ"ל האָט געזאָגט : די גמרא (מג') זאָגט דאָך : כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם. וועל איך זאָגען א דבר בשם אומרו.

ויאמר ד׳ סלחתי כדברך.

עס איז אָבער דאָ א קשיה: סטייטש! די גמרא (אין קדושין) זאָגט דאָך: מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול. טאָ ווי קען גאָט מוחל זיין? און אויב מיר זאָלען ענטפערן אז דער רבש״ע איז **אָבינו מלכנו**! און אָב שמחל, מחול. איז דאָך אָבער א קשיה, מיר זאָגען דאָך: „מלך מוחל וסולח״, און מצד המלכות שבו קען ער דאָך ניט מוחל זיין?

נאָר איך וואָלט דאָס געענטפערט מיט נאָך א קשיה: די גמרא זאָגט: רב שמחל על כבודו, כבודו מחול. קוקט דאָך אויס אז דער כבוד התורה איז ניט אזוי שטארק ווי פון א מלך, און דער תנא זאגט דאָך (אָבות פ״ק ו׳) „גדולה תורה יותר מן הכהונה ומן המלכות״. נאר דער תירוץ איז פשוט: א מלך בו״ד קען טאקע ניט מוחל זיין ווייל דער כבוד איז ניט זיינער, ער באלאנגט צו דער גאנצער מדינה. אבער א רב קען מוחל זיין, ווייל די תורה וואס ער לערענט, האָט ער דאָך אויף דעם געהאָרעוועט, און ער קען מוחל זיין אויף זיין תורה.

היינט דער רבוש״ע! וואָס ער איז דאָך באלעבאָס אויף אלעס, קען דאָך גערוים מוחל זיין. — אָט דאָס מיינט ד׳ מלך גאות, „גאות״ איז גימט׳ ת״י. ד״ה, **ת**חת ידי. עס איז אין מיין האנד צו טהאָן אלעס און צו מוחל זיין.

אָט אויף דעם בעטען מיר, רבוש״ע! צייג דער וועלט אז דו ביזט באלעבאָס! „**יתגדל ויתקדש שמה רבא**״! און אפילו בלעם האָט געזאָגט: „תמות נפשי מות **ישרים**״ ר״ת יהא **ש**מה **ר**בא **מ**ברך.

יעצט האָף איך אז איהר וועט אלע אפהיטען די הייליגע תפלה פון ק ד י ש, איהר זאָלט ניט זיין אזוי ווי יענער אינגעל, וואָס דער רבי האָט מיט איהם געלערענט קדיש, האָט

זיין פאָטער געשריען: סטייטש! איך בין נאָך א יונגערמאַן און לעב דאָך נאָך! האָט דער רבי געענטפערט: אז ביז ער וועט זיך אויסלערנען זאָגן קדיש וועט נאָך נעמען אסאך, זעהר אסאך לאנגע יאָהרען.

א קארגער גביר האָט געזאָגט צום שמש, איך קען זיך אויף מיינע קינדער ניט פארלאָזען אז זיי וועלען זאָגען פונקטליך קדיש נאָך מיר (לאחר מאה שנה), טאָ זאָגט מיר וויפיעל ווילט איהר פאר דעם אז איהר זאָלט זאָגען? האָט דער שמש געזאָגט א דאָלאר א וואָך פון יעצט ביז אייער סוף לעבען. סטייטש, דאָס וועט דאָך מיך קאָסטען א מאַיאָנטעק! האָט דער קמצן אויסגעשריען. — נו, טאָ שטאַרב פריהער, האָט דער שמש געענטפערט. — זעהט, רבותי, זייט ניט קיין קמצנים!

א רב האָט פאר זיין פטירה געשיקט רופען א אידען וואָס פלעגט ניט שטיצען קיין בני תורה, און געזאָגט צו איהם: לאָמיר זיך געזעגנען! — סטייטש, רבי! פארוואָס זעגענט איהר זיך גראדע נאָר מיט מיר? — פארשטייסטו, האָט דער רב געזאָגט: מיט אלע אידען וועל איך זיך נאָך זעהן אמאָהל אין גן עדן, אָבער ניט מיט דיר!

אין דעם יהי רצון נאָך'ן תהלים, זאָגען מיר: „ואל יצטרכו עמך בית ישראל זה לזה ולא לעם אחר". איז דאָך קשה! אז מיר זאָגען „זה לזה", איז דאָך שוין א ק"ו אז מיר ווילען חו"ש ניט אָנקומען לעם אחר!

דער ענטפער איז פשוט:

עס טרעפט אז די זינד פון דעם מענשען זיינען זעהר גרויס. דאַן איז ניטאָ קיין אנדער וועג ווי צו פארטיידיגען דעם זינדיגען מענשען, נאר דורך דעם וואָס מען צייגט אויף

אז עס זיינען דאָ נאָך ערגערע פון איהם. דאָס מיינט אז מען איז חו"ש „מצטרך זה לזה". אָבער די גאָר גרויסע זינדיגע, (וואָס צווישען אונז אידען זיינען דאָ בלויז איינער, אפשר) אום צו פארטיידיגען אזא רשע, מוז מען שוין זוכען ביי די אנדערע פעלקער (עוע"ז). אָט דערפאר זאָגען מיר : „ולא לעם אחר".

אָט דאָס איז דער געדאנק פון קדיש, מיר זאָגען צום רבש"ע : רבש"ע ! זאָל דיין נאָמען גרוים און הייליג זיין, אין דער וועלט וואָס דו האָסט באשאפען; אז די גרעסטע רשעים פון די אלע נאַציאָנען מוזען גוטעס טהאָן ניט ווי־לענדיג, ווייל דורך זיי קען מען פארטהיידיגען די פושעי ישראל. וד"ל.

אָט דעם מאַמר האָב איך דיסקוטירט מיט הרה"ג ר' צבי ב"ר יוסף מאיר.

דער ווארט **קדיש** מיינט הייליג. אין דער סדרה **קדושים** ווערט ארום דער באדייטונג פון דעם ווארט : הייליג, זעהר פיעל גערעדט. אָבער דער הויפט פון אלע גוטע ווערטער וואָס די תורה זאָגט, איז דער קורצער אוים־שפראך : „**ואָהבת לרעך כמוך**". ד"ה אז דער געדאנק פון קדיש איז ואהבת לרעך וק"ל.

די בעדייטונג פון די ווערטער „וימליך מלכותה", איז אזוי : די וועלט זאָל אנערקענען אז דער רבוש"ע איז א מלך יחיד. — דאָס וואָס די מגילה זאָגט : ויאמר המלך להמן, דאָס מיינט מען אזוי : דער רבש"ע, דער מלך יחיד, האָט געזאָגט צום יצר הרע : הכסף נתון לך והעם לעשות בו כטוב בעיניך. ד.ה., אז צוליעב די געלד קענסטו אראָפ־פיהרען א מענשען פון דעם וועג.

רבותי ! שטיצט די תורה !

חקת

יזכור

רש"י: משל לבן שפחה שטינף פלטין של מלך אמרו תבא אמו ותקנח הצואה, כך תבא פרה ותכפר על העגל.

רבותי! עס איז געקומען ב"ה א גרויסער עולם אין שוהל, און איהר ווילט אז איך זאָל אייך זאָגען די בעדייטונג פון **יזכור**, איך זאָל אייך זאָגען א טעם, פאַר־וואָס מען דערמאָנט די טויטע? ! אזא טעם וואָס זאָל אפעלירען צו דער לאָגיק פון דעם אלגעמיינעם עולם.

רבותי! איהר זאָלט וויסען אז די מתים דארפען אויך א כפרה, האָטש זיי זיינען שוין לאנג טויט. ווייל די תורה זאָגט: „**כפר** לעמך ישראל אשר פדית" . . . אשר פדית אלו המתים (שפטים ספרי). דער ווארט „**פדית**" מיינט מען די יוצאי מצרים, וועלכע זיינען דאָך שוין לאנג טויט, פונדעסטוועגען דארפען זיי א כפרה. און ביי דער מצוה פון „פרה אדומה" זאָגט דאָך רש"י דעם לשון: „תבא פרה ותכפר". דענק איך אז אָט די זאָנדערבארע מצוה פון „פרה אדומה", איז ענג פארבונדען אין געדאנק, מיט אָט דער מצוה פון „הזכרת נשמות", און אין אלגעמיין מיט דעם מענשליכען לעבען.

אָט דער **תכפר** פון פרה אדומה האָט א גרויסע שייכות מיט דעם **כפר** פון אשר פדית. האָטש איך זאָג ניט אז איך בין אזא חכם אז איך זאָל קענען זאָגען א טעם און א שכל אויף אזוינע מצות, אָבער איך בין א דורך געטריי־

בענער רב (מען האָט מיך שוין דורך געטריבען פון אסאך שוהלען) און אַ דורך געטריבענער איז דאָך ניט קיין נאַר...

„בן שפחה" מיינט מען דעם גוף, דער גוף איז דאָך לגבי דער נשמה ניט מעהר ווי א דינסט, און דאָך זעהען מיר אין פראקטישען לעבען, ווי דער גוף ווערט גאָר באלע־באָס איבער דער נשמה, און ער פארשקלאפט די נשמה, אָט דאָס איז דער פשט פון די ווערטער „תחת שלש רגזה ארץ . . . ושפחה כי תירש גברתה" מ"ש־ל אָדער „ונשלמה פרים שפתינו".

אזוי ווי אָקסען וואָס זיי אָקערען, ווייסען דאָך די אָקסען גאָרניט וואָס זיי טהוען, נאר זיי שלעפּען דעם אָקער־אייזען, ווייל זייער באלעבאָס פיהרט זיי אין שפּאַן. אזוי טרעפט זעהר אָפט, אז מענשען זאָגען א תפלה צו גאָט, די ליפּען שאָקלען זיך, דער מויל רעדט, און אין תוך, וויי־סען זיי ניט וואָס זיי זאָגען, ווייל דער גוף איז באלעבאָס. ער שאָקעלט מיט די ליפּען און דער גייסטיגער שכל איז גאָר ניטאָ דערביי.

אָבער דערפאר איז ווען עס קומט צו פרנסה, דאן ווירקט דער גוף אויף דער נשמה, אז די נשמה זאָל אר־בייטען מיט אלע איהרע קרעפטען, צו פארדינען אלע באַקוועמליכקייטען און שפּייז פאר דעם גוף. ד.ה. „בנפשו יביא לחמו". אָט דאָס איז דער פשט פון די ווערטער : „בן שפחה שטינף פלטין של מלך", דער גוף האָט פארשמוצט די נשמה וואס איז „פלטין של מלך". „חלק א־לוק' ממעל", תבא אמו, קומט זיין מאַמע, די מאַמע פון דעם גוף איז די ערד . . . (די מוטער ערד) ותכפר. און אזוי ווי די פרה אדומה ווערט אינגאנצען פארברענט, אזוי ווערט אויך דער מענש צופוילט און פערוואנדעלט אין שטויב נאָך זיין טויט. (חאָטש די גרויסע צדיקים פוילען דאָך ניט, ווייל „ורקב

די מצוה פון צדקה. ווייל ביי א מצוה שיש בה חסרון כים, צייגט זיך ארוים מעהר מסירת נפש פאר אמונה. „צדיקים שחביב ממונם עליהם יתר מגופם" (חולין).

אז די גאולה און תחה"מ, וועט קומען דורך צדקה, קען מען ברענגען א ראיה פון דער גמרא פסחים קי"ז: בך חותמין . . . ד. ה. מען ענדיגט די ברכה „מגן אברהם". חותמין, מיינט מען די ענדע, ווייל א חתימה קומט דאך אויף דער ענדע. ד. ה., די ענדע צו אַט די אלע צרות, פון יסורים, און פון טויט, וועט קומען דורך אברהם'ס מדות, די מדה פון חסד, „חסד לאברהם", און אַט זיינען דאך די ווערטער, „וזוכר חסדי אבות ומביא גואל לבני בניהם . . . און מחיה מתים . . .

באזיגען עמלק'ן, קען מען נאָר דורך צדקה, ווייל ביי די ווערטער: „מלחמה לד' בעמלק", שטעהט כי יד על כס יה (בשלח), דאָס מיינט מען דורך צדקה, וואס מען טהוט מיט'ן האנד, ניט בלויז מיט'ן מויל. כי יד! און די ווערטער „ושביה בצדקה" טייטש איך אזוי: אז די טויטע וועלען זיך אומקעהרען לתחיה, דורך צדקה.

די וואָס זיינען מחזיק די ת"ח וועלען לעבעדיג ווערען, אזוי זאָגט די גמרא (כתובות קיא). „כי טל אורות טלך, כל המשתמש באור תורה אור תורה מחייהן". אַט דערפאר זאָגט די גמרא: אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו (פס' נ) ווייל די וואָס גיבען מיט'ן האנד, (אַט דאָס מיינט תלמודו בידו) זיינען ניט טויט אויף אייביג.

עס איז דאָ נאָך א פשט'ל, דער ווארט „לכאן" איז בגימט' 101. די גמרא זאָגט: (חגיגה ט) . . . לשונה פרקו מאה פעמים ואחד; איז תלמודו בידו: — שלמה המלך האָט געזאָגט אז דער טעם פון פרה אדומה איז רחוקה

ממני (קהלת) דאָס מיינט אזוי: אויב איינער האַלט זיך פאַר א קלוגען, און וויל ניט שטיצען די תורה, ווייל ער זאָגט יש לי רב, ד"ה אין ר"ת, ראַזומני בערע — איז אויב ער איז אזא חכם? אמרתי אחכמה! איז רחוקה! דארף מען זיך דערווייטערען פון איהם.

שלמה המלך האָט געזעהן, אז אין אונזערע דורות, אין די ווייטערדיגע דורות, דאָס מיינט והיא רחוקה! וועלען אסאך גראבע נפשות זאגען: „אמרתי אחכמה"! אָבער „באחרית הימים"! וועלען מיר נעמען „מעסינא", און די נאַצים א מיתה! וועלען די נאַצים דאן אלעם איינ־נעמען, אפילו א מיתה מעסינע אויך.

בלק

דרשה לח״ק טו כסלו

„מי מנה עפר יעקב״ ?

רבותי ! פארוואס רופט זיך אָן די חברה מתעסקים? . . . **חברה קדישא** ? און פארוואָס פראַוועט די ח״ק יעדען יאָהר אין חדש כסלו א סעודה ?

דער ענטפער איז אין אָט דעם מאמר חז״ל : „**כל יתר כנטול דמי**״, (מס׳ חולין נח, ב׳.) און דער פשט פון דעם מאָמר איז אזוי:

פון וואנען נעמט זיך דאָס וואס איינער האָט זעהר אסאך ? כל יתר ? ווייל כנטול דמי ! ווייל מען האָט עס צוגענומען פון איין אנדער אָרט. דערפאר האָט איינער צופיעל געלד, ווייל ביי דעם אנדערען איז ניטאָ אפילו אויף די נויטיגסטע לעבענס מיטלען. „כנטול דמי! מיינט מען האָט ביי איהם צוגענומען די געלד (דמים תרתי משמע).

און אָט אזוי טייטש איך דעם פסוק אין בלק : „מי מנה?״ ווער קען דען צעהלען די עשירות אָט פון די רויבער ? ווייל „עפר יעקב״ ! זיי האָבען דאָך צוטראָטען לעבעדיגערהייד יעקב׳ן און צוגעראבעוועט אלעס וואס יעקב האָט געהאַט! „כי שחה לארץ נפשנו דבקה לארץ״,

(תהלים מ"ד). ומספר ? איז דען פאראן א בעשטימטע צאָהל וויפיעל אידען זיי האָבען צופערטעלט לעבעדיגער־הייט ? אָט דאָס מיינט „רבע ישראל" !

אָדער דער מיינונג פון מספר רבע ישראל, איז אזוי, אז נאָר א קליין הייפעלע אידען וואָס מען קען שנעל איבער־צעהלען, האָבען זיך געראטעוועט אין די 4 עקען פון דער וועלט. „כל יתר"! אָט די אלע אוצרות פון רוים, איז דאָך „כנטול דמי"! דאָס איז דאָך אָנגעראבעוועטע אידישע בלוט! — די האָר שטעלען זיך דאָך פשוט אויף, ווען מען בעטראכט די שרעקליכע יסורים וואָס אונזערע ברידער און טעכטער זיינען אויגעשטאַנען און אומגעקומען על קדוש השם!

אָט דערפאר טאָקע רופען זיך די מתעסקים „חברה קדישא"! ווייל זיי זיינען זיך דאָך מתעסק מיט די קדושים וטהורים, הנהרגים והנשחטים . . . און יעדער איד איז דאָך א קדוש (ווייל „ישראל עם קדושים הן", חולין ז').

עס זיינען דאָ אזוינע אידען וועלכע באלאנגען צו דעם מין פון לולב, דאָס הייסט, אידען מיט גוטע הערצער —— לו־לב ! עס זיינען דאָ א גרופע וועלכע זיינען ווי אתרוגים, דאָס מיינט זיי זיינען אמת'ע גוטע אידען! זיי האלטען פון טהאָן יענעם א טובה ! און צו דער זעלבער צייט זיינען זיי אויך „בני תורה"!

אין איין **הספד** האָב איך אמאָהל געזאָגט אויף אזא סאָרט אידען :

רבותי ! אָט דאָ ליגט איין **אתרוג**, איין אמת'ער **הדר** ! זיינע הענד זיינען געווען ווי צוויי **עץ־חיים**'ס ! זיין קאָפּ איז געווען א **כתר תורה**, א. ז. וו.

אפילו די אידען וואָס באלאנגען צו דער גרופע פון

סופיסטען, ד. ה., זיי קוקען ארויף צו דעם רב וועז ער זאָגט זיין דרשה, און פרעגען ביי זיך, וועז וועט עס שוין נעמען א סוף ? אָט אָ די אידען וועלכע זיינען אזוי ווי די ערבה, וואָס האָט אין זיך ניט קיין טעם און ניט קיין ריח. — זיי זיינען דאָך אויך קדושים, ווייל זיי זיינען דאָך צוזאמענגע־בונדען מיט'ן כלל. און אז „ועמך כולם", איז דאָך „צדיקים"

אָט דערפאר וויין איך אזוי ביי דער תפלה פון „ואל תשליכנו לעת זקנה", האָטש דער וואָרט „אל תשליכנו" איז א פריקרע וואָרט, אָבער איך טראכט ביי זיך אזוי: רבש"ע ! אויב איך בין פון יענער גרופע וואָס זיינען אזוי ווי די ערבה, טאָ ווארף מיך ניט אוועק, אזוי ווי מען ווארפט אוועק די הושענות נאָך'ן דאוונען, הושע"ר. — בינד מיך ניט אָפּ פון מיינע שעהנע קינדער, וועלכע קוקען אוים אין מיינע אויגען ווי איין אתרוג.

דער אתרוג שטעלט מיט זיך פאָר דעם סאָרט אידען פון דער סדרה משפטים „ראשית אדמתך תביא בית ד' אלקיך—לא תבשל גדי בחלב אמו. (וואָס פאר א סמיכות הפרשה איז „לא תבשל גדי בחלב אמו" צו „בכורים" ? נאר מילתא אגב אורחא קמ"ל. אז האָטש א איד דארף געבען צדקה, ברענגען בכורים צום כהן, דאך דארף ער היטען די מצוות שבין אדם למקום . . .

אָבער ניט אלע אידען קענען דאָך זיין אזוי ווי איין אתרוג ! דער איד וועלכער איז א גוטער אין זיין כאראקטער און האָט א לב טוב (לו־לב) איז אויך א גוטער איד. די „הדסים" אָבער און איבערהויפט די „ערבה", אָט אָ די צוויי מינים מוז מען שוין צובינדען, ווייל ווען זיי זיינען חו"ש אליין, טויג עס ניט. און דאריבער וויין איך אויך זעהר שטארק, ווען איך זאָג, „הושענא גלה וסורה, דמתה לתמר, הושענא" ווייל מיר קענען דאָך זאָגען אז דמתה לתמר, מיינט מען די תמר פון דער סדרה וישב,— עס מיינט ניט „צדיק כתמר יפרח" אזוי ווי תמר האָט

ניט געוואלט ווערען אוועק געווארפען פון דעם צדיק יהודה׳ן, חאטש יהודה האט זיך דערוויטערט פון איהר, ווייל ער האט ניט געוואוסט אז זי איז אומשולדיג. אט אזוי זאגען מיר: „רבש״ע! הושענא גלה — העלף אונז, די פארטריבענע! „וסורה״, און די אפגעקעהרטע! דאס הייסט, רבש״ע! דו האסט אונז פארטריבען אין גלות, און זיך אפגיקעהרט פון אונז! אבער מיר ווילען זיך פון דיר ניט שיידען! „דמתה לתמר״! אט אזוי ווי תמר האט זיך ניט געוואלט שיידען פון יהודה׳ן!

אט אזוי, רבש״ע! חאטש מיר זיינען אין גלות, בויען מיר שוהלען, און תלמוד-תורה׳ס, און מיר באהעפטען זיך צו דיר. אט דערפאר זיינען מיר אידען איין „עם קדוש״! און די חברה וואס איז זיך מתעסק מיט אידען ווען זיי שטארבען, רופען זיך מיט רעכט „**חברה קדישא**״!

און פארוואס ח״ק פראוועט א סעודה? דאס וועל איך אייך געבען צו פארשטעהן דורך א וויציגען משל:

איך האב אכטונג געגעבען ווי מיין חזן פארמאכט די אויגען ווען ער זינגט, האב איך איהם געפרעגט: פאר־וואס? האט ער מיר גענטפערט: אז ער קען ניט צוזעהן ווי די צוהערער פייניגען זיך.

היינט באטראכט אז ח״ק מוז צוקוקען די אלע טרא־געדיעס, — דער שטארבען איז דאך א גרויסע טראגעדיע! „אפפוני חבלי מות, נחלי בליעל יבעתוני״ (תהלים י״ח). ווען א מענש פיהלט אז ער האלט ביים שטארבען, און ער איז א מאמין אין גאט, און אין א יענע וועלט, און דערצו זעהט ער נאך אז ער לאזט איבער גוטע קינדער, דאן שרעקט ער זיך ניט שטארק פאר דעם טויט.

דוד המלך ע״ה האט געזאגט צו זיין זוהן שלמה׳ן:

„אָנכי הלך בדרך כל הארץ, וחזקת והיית לאיש (מלכים ב׳) איז דאָך אייגענטליך א קשיה: סטייטש! נאָך׳ן טוידט, ווערט דאָך יעדער מענש איין עומד, טאָ ווארום זאָגט ער „אנכי הלך”? נאָר דער ענטפער איז פשוט: דער מענש וואָס לאָזט איבער גוטע קינדער ווערט אין דעם זכות פון זיינע קינדער אפילו נאָך׳ן טויט א „הולך”, אָנכי הולך! ווייל והיית לאיש! און מהאי טעמא זאָגט די תורה: „את האלקים התהלך נח” . . .

אָבער אז א מענש זעהט „נחלי בליעל”, ד. ה. די נוחלים, די יורשים זיינען שלעכטע? שרעקט ער זיך, נחלי בליעל יבעתוני!

אָט למשל איז געשטאָרבען א גרויסער גביר, און די יורשים זיינע. האָבען ניט געוואָלט זיצען קיין שבעה, האָבען זיי געדונגען דעם שמש ער זאָל זיצען פאר זיי. האָבען זיי געפרעגט א רב, אויב זיי דארפען געהן מנחם אבל זיין דעם שמש? אָט צוליב אזוינע יורשים שרעקט זיך דער מענש אזוי שטארק אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען.

אוּן פאר שרעק דער קאָפּ זיך דרעהט,

אָט געלעבט, און באלד שוין טויט!

די חברה קדישא דארף צוקוקען מיט אָפענע אויגען און בייוואָהנען אָט די אלע טראגעדיעס, איז כדי עס זאָל ניט אויסקומען צופיעל טראגישעס, ווייל „כל יתר כנטול דמי”, איז דערפאר פראוועט די ח״ק א סעודה האָטש איין מאָהל אין יאָהר.

ווייל יעקב אבינו האָט דאָך געזאָגט: „האספו ואגידה לכם את אשר יקרה אתכם באחרית הימים”, ד. ה. אויב

איהר ווילט אז עס זאָל קומען משיח, די טויטע זאָלען לעבעדיג ווערען, עס זאָל שוין נעמען א סוף צו די צרות, דער אחרית זאָל קומען — דאן איז נאר דאָ איין (1) עצה צו דעם : האָספו ! פאראייניגט זיך ! ווערט אחדות, אידע־לאך ! אזוי ווי די אמאָליגע חשמונאים ! טרויערט ניט צופיעל, אלעם וואָס איז צופיעל טויג עס ניט !

יוסף האָט געזאָגט : העוד אבי חי ? פארוואס האָט ער ניט געזאָגט : אָבינו ? נאר יוסף האָט געזאָגט צו די ברידער : טרויערט ניט צופיעל, איהר זייט ניט שולדיג אין דעם וואָס איך האָב זיך אזוי פיעל אָנגעליטען. עס איז די כתונת פסים וואָס דער טאטע האָט מיר געמאַכט, דער „כל יתר" פון טאַטען. דערפאר וואָס ער איז געווען מעהר אָבי, אָט דאָס האָט גורם געווען צו דעם ! אָט דערפאר זאָג איך צו אייך, ברידער ! עסט און טרינקט און טרויערט ניט צופיעל !

מען האָט מיר אמאָהל גערעדט א שידוך, און דער שדכן האָט געלויבט די כלה אז זי איז פון די אמהות, האָב איך געזאָגט עס טויג ניט, און אזוי איז עס טאקע געווען, זי איז געווען אַלט ווי שרה, קליין ווי רבקה, און אויגען האָט זי געהאט ווי לאה. צופיעל איז אומגעזונד, האָב איך בעסער גענומען איין אנדערע.

עד כאן דרשתי, ולפום האמת, עושין סעודה לפי שמתענין, ומתענין בכסלו להעלות את הנשמות עם הקדו־שים והטהורים שגברו בחדש זה על הטמאים. כי „ושבח אני את המתים" פי', איך אנו יודעים מהות הנשמות שכבר מתו ? מן החיים — היינו מהתורת חיים. שהחשמונאים הפקירו את עצמם על התורה, ואולי המתעסקים לא נהגו בהנפטרים לכבדם לפי ערכם הגדול, בשביל זה ג"כ מתענין ובחדש כסלו הנשמות הטהורות יתגברו על שונאינו שדוד

המלך אמר עליהם „אני שלום וכי אדבר ה־מ־ה למלחמה, היינו היטלער מוסאליני היראהיטא . . .

די וועלט דערצעהלט, אז איינער א קמצן האָט אמאָהל געגעבען ר׳ נחום׳קען צעהן סענט, און אזוי ווי ער האָט ר׳ נחום׳קען ניט געקענט, האָט ער בעת מעשה באַמערקט: איהר וועט דאָך דאָס אלץ איינם פארטרונקען! איז ר׳ נחום׳קע באלד אריין און געקויפט פאר די צעהן סענט א גלעזעל בראנפען, כדי דער קמצן זאָל ניט באשטראָפט ווערען פאר זאָגען א ליגען.

רבותי! די וועלט זאָגט דאָך אז דער ים איז פאר אונז אַנטלאָפען, ווייל חברה קדישא קען אויסטרונקען דעם ים! טאָ לאָמיר טאקע טרינקען און די וועלט זאָל ניט זאָגען קיין ליגען! . . .

„כל הפושט יד נותנין לו" — טאָ לאָמיר אויסשטרע־קען די הענד און זיך ווינשען „לחיים"! וועט אונז גאָט געבען חיים!

דער כוס מיט וועלכען צוויי יידען טרינקען איז די ר"ת ויאמר י"י סלחתי כדבריך — דערפאר רופט מען בראנפען אַלקאָהאָל ווייל די ח"ק טרינקען על חשבון הקהל. על־קהל!

דרשה ב — לחתונה

„מי מנה עפר יעקב ומספר את רבע ישראל".

רבותי ! פארוואס באנוצט זיך בלעם צייטענווייז מיט דעם נאָמען „יעקב" און צייטענווייז מיט דעם נאָמען „ישראל"? די גמרא זאָגט (נדה ל"א): מאי ד"כ ומספר את רבע, מלמד שהקב"ה יושב וסופר מתי תבוא טפה שהצדיק נוצר הימנה.

בלעם האָט געזאָגט : אָט דאָס וואָס די אלע אנטי־סעמיטען זוכען חסרונות אויף אידען, וועט עס זיי אקוראט העלפען ווי א טויטען באַנקעס, ווייל אויב אפילו עס זאָל זיי געלינגען צו געפינען אויף אידען חסרונות, וועט זיי גאָט אלץ ליעב האָבען, צוליעב די גוטע קינדער וואָס דארפען פון זיי ארויסקומען, ווייל דער מדרש זאָגט (פ' תולדות) אז א"א איז געראטעוועט געווארען פון דעם ברענענדיגען אויווען צוליעב דעם זכות פון זיין אייניקעל יעקב'ן. — „בית יעקב אשר פדה את אברהם" (ישעי' כט) — אָט דאָס איז דער פשט פון די ווערטער : „מי מנה עפר יעקב" ? עפר יעקב: מיינט מען די קינדער פון יעקב'ן, ווייל גאָט האָט איהם געבענשט מיט די ווערטער: „והיה זרעך כעפר הארץ" (ויצא), אָט דערפאר, מיינע טייערע חתן כלה ! מחותנים, און איהר געסט אלע ! איהר מעגט זיך גאַנץ גוט פרעהען, ווייל יעדע אידישע חתונה איז א טוידט קלאַפּ צו אלע אנטיסעמיטען !

אָבער, מיינע טייערע פריינדע ! מיר מוזען בעגרייפען די וויכטיגקייט און היילינקייט, וואָס דער פארהייראטער לעבען, און די אידישע הויז דארף מיט זיך פאָרשטעלען.

עס איז דאָ א מדרש פליאה אויף דעם פסוק : „הים ראה וינס" זאָגט דער מדרש : מה ראה ? ראזו ישראל באים ורכוש מצרים בידם. איז דאָך דער מדרש אונפאר־שטענדליך. דער ים האָט געזעהן אז די אידען קומען, און דער פארמעגען פון מצרים איז אין זייער האנד, איז ער אנטלאָפען. סטייטש ! וואָס האָט ער זיך דערשראָקען אזוי שטארק פאר די געלד ? נאָר דער ענטפער ליגט אין דעם איינעם ווארט : ראה **ישראל**, דער ים האָט דערזעהן די הויכע מדרגה פון ישראל, אז רכוש מצרים בידם ! ד. ה., דער ישראל איז ניט ביי די געלד אין האנד, נאר די געלד איז ביי איהם אין האנד.

(דער לשון „בידם" מיינט אז זיי קלייבען ניט קיין געלד אין די בענק, נאר זיי האָבען עס אלעמאָהל אויפ'ן האנד, פארטיג צו געבען צדקה, ניט ווי די גמרא זאָגט אז דער דור שבן דוד בא וועט זיין „תכלה פרוטה מן הכים", ד.ה., זיי ווענען האלטען די געלד אין באַנק.) —

(עס איז בעסער אז די באַנק איז אין הויז, און ניט די הויז אין באַנק).

עס טרעפט זעהר אָפט, אז מענשען ווען זיי זיינען געווען אָרימעלייט, זיינען זיי געוועזען גוטע, און פיינע מענשען, אָבער אזוי שנעל ווי זיי זיינען רייך געווארען, האָבען זיי זיך פארגעסען אין זייערע בעקאנטע, און גוטע פריינד, און אפילו זייער אייגענע משפחה. אָט אזעלכע מענשען איז די געלד באלעבאָס איבער זיי, און מען קען זאָגען מיט איין אמת אז די עשירות איז דאן ניט קיין ברכה צו זיי, נאר ר"ל א קללה. ווייל די געלד האָט זיי גע־מאַכט פשוט אוים מענשען, עס האָט זיי געמאַכט שטיי־נערנע הערצער, אויף וועלכע דער נביא יחזקאל (ל"ז) זאָגט „והסרתי את לב האבן מבשרכם".

אָט דאָס מיינט דער מדרש : אפילו אז דער ים, וואָס האָט ניט געוואָלט בשום אופן אפּטרעטען דעם וועג פאר אידען, אָבער אז ער האָט דערזעהן רייכע אידען, און דאָך זיינען זיי ניט פאַרקויפט צו די געלד — האָט דער ים שנעל אָפּגעטראָטען דעם וועג.

די גמרא (ברכות ח׳) זאָגט אז אמאָהל פלעגט מען זאָגען צום חתן : מצא או מוצא, ד. ה., וואס פאר א פרוי ווילסטו ? דו ווילסט „מצא אשה מצא טוב״ ? אָדער חו״ש „ומוצא אני מר ממות את האשה״. איז דאָך אייגענטליך א קשיה ! וואס איז דאָס פאר אזא נארישע פראגע ? געווים וויל ער א גוטע פרוי, ווער וויל דען א שלעכטע ? נאר די גמרא זאגט ניט אז מען האָט געפרעגט דעם חתן. די גמרא באנוצט זיך ניט מיט דעם לשון „שאלה״, נאר מיט דעם לשון „אמרי ליה״.

איז דער פשט אזוי : מען זאָגט צום חתן, אויב דו האָסט געזוכט „את האשה״ ? „את״ איז לרבות. דו האָסט געזוכט געלט מיט א פרוי איז שלעכט ר״ל. אבער אויב „מצא אשה״ דו האָסט נאר געזוכט א געטרייען חבר, א שעהנע גוטע פרוי, און פאר קיין געלד אַרט דיך ניט, איז „מצא טוב״ !

אָט די זעלבע רייד פון דער גמרא זאָג איך יעצט צום חתן: דו מיין ליבער, שעהנער, קלוגער חתן ! דו האָסט דאָך געזוכט ליבע און געטריישאפט, זאָלסטו וויסען אז „מצא טוב״ ! דו האָסט א טייערע, שעהנע, גוטע כלה !

און יעצט, טייערע חתן כלה ! וועל איך אייך אויס-זאָגען א טיפען סעקרעט, וויאזוי איהר קענט האָבען א גליקליכען און בעקוועמען לעבען: אלעס וואס איר דארפט

זאָלט איהר בעטען נאָר ביי גאָט, און גאָט וועט אייך אלעס געבען.

עס איז געווען אמאָהל א קלוגער איד, נאר ר"ל א גרויסער אָרימאַן, האָט ער גע'טענה'ט צו גאָט: רבש"ע! מיר אידען האָבען געטהאָן מיט דיר א שידוך, — די חז"ל זאָגען „א"ת מורשה אלא מאורסה" (פס' מט) מיר האָבען ניט געטהאָן מיט דיר דעם שידוך צוליעב דיין יחוס, ווייל מיוחסים זיינען מיר דאָך גרעסערע פון דיר, מיר זיינען דאָך די קינדער פון אברהם יצחק ויעקב. „בני אברהם אהבך, זרע יצחק יחידו שנעקד על גבי המזבח", און „עדת יעקב בנך בכורך". דו קענסט דאך ניט זאָגען אויף זיך אזא זאך! נאר מיר האָבען מיט דיר א שדוך געטהאָן ווייל דו ביזט א רייכער מחותן, „ואומר לי הכסף ולי הזהב נאם ד' צבאות" (אבות פ"ק ששי). טאָ גיב זשע רבש"ע! גיב דעם נדן! — אָט אזוי, מיינע טייערע חתן כלה! זאָלט איהר נאָר בעטען ביי גאָט אלעס וואס איהר דארפט, און איהר מעגט זיין זיכער אז גאָט וועט אייך אלעס געבען. נאר בעטען אליין איז אָבער ניט גענוג, מען מוז טהון צדקה אויך.

איהר הערט, מיינע פריינדע! גאָט האָט גוזר געווען אז א טויטען זאָל מען פארגעסען. די ערשטע צייט וויינט מען, מען איז צובראכען, אָבער מיט דער צייט ווערט אלעס פארגעסען. אָט דאָס לערנען מיר אין תהלים ל"א „נשכחתי כמת מלב, הייתי ככלי אבד". פארשטעה איך ניט, צו וואס דארף דער פסוק נאָך זאָגען אָט די איבעריגע ווערטער: הייתי ככלי אבד?

וועל איך אייך דערצעהלען איין אמת'ע מעשה:

א ניו יארקער גרויסער גביר האָט געפראוועט די חתונה פון זיין אינגסטער טאָכטער, עס האָט זיך געגאָסען דאָרטען וויין אזוי ווי וואסער, עס זיינען דאָרט געווען

זעהר פיעל געסט, און מען האָט אלעמען געגעבען פון כל טוב, נאר איין אָרימער איד איז נעביך געזעסען אין א ווינקעלע, קיינער האָט איהם גאָרניט געפרעגט, קיינער האָט אים גאָרניט געגעבען, מען האָט אים קיין שלום ניט געגעבען, מען האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט איהם, איז ער נעביך געזעסען פארטריקענט, און מיט פארשמאַכ־טע ליפען. מען האָט אין איהם פארגעסען ווי אין א טוי־טען. נאר פלוצלינג האָט מען זיך ארום געזעהן אז עס פעהלט א דימענטענער בעכער. דער חשד איז גלייך גע־פאלען אויף דעם אָרימאן, האָטש ער איז נעביך געוועזען אומשולדיג.

אלע מחותנים האָבען זיך א ווארף געטהאן אויף דעם אָרימאן מיט קולות און סטראשונקעס און געשריגען: זייט זיך מודה אין דער גנבה און גיט אָפּ צוריק דעם בע־כער! האָט דער אָרימאן נעביך אָנגעפאנגען וויינען און טענה'ן: סטייטש! ווען איהר האָט אלע געטרונקען און געגעסען האָט איהר אין מיר פארגעסען, ווי אין א טויטען, „נשכחתי כמת מלב", טא וואס־זשע האָט איהר זיך גראדע יעצט אלע צו מיר גענומען מיט אזא אימפעט, פונקט אקו־ראט ווי איך וואלט דאָ געוועזען דער איינציגער מענש, ווייל „ככלי אבד"? ! ווייל די כלי איז פארלאָרען געווא־רען ? !

אָט דאָס, מיינע טייערע חתן כלה, און אלע אידען דאָ, זאָלט איהר וויסען אז אָט אָ די טענה טענה'ן מיר אלע אידען אין גלות, צו די אנטיסעמיטען. ווען די אנטיסעמי־טישע נאַציאָנען זיצען רוהיג אויף זייערע לענדער, ווען זיי טרינקען און פרעסען, קוקען זיי זיך ניט ארום אויף דעם אָרימען אידישען פאָלק וואָס איז פארטריבען פון זיין היים. אבער אזוי שנעל ווי זיי ווערען אריין געצויגען אין מלחמה דאן שרייען זיי גוואלד, די אידען! די אידען זיינען שולדיג!

זעהט־זשע, חתן כלה! האָט רחמנות אויף די אָרימע, טהוט צדקה און זייט געטריי צו אייער פאָלק ישראל.

אייך, ליבער חתן, וועל איך בענשען מיט א משונה'דיגער ברכה: אז אייער פרוי זאָל זיין א ליגנערטע.

די וועלט זאָגט אז די ערשטע פרוי ביים מאַן איז א ליגנערטע. ווען זי ווערט אמאָהל אויפגערעגט, גיט זי א געשריי צום מאַן: איך וועל דיר שוין היינט קיין סאפער ניט קאָכען. אָבער אז דער מאַן קומט אהיים טרעפט ער א סאפער כיד המלך. אָבער די צווייטע פרוי איז שוין ניט אזוי. די צווייטע, אז זי זאָגט מיינט זי עס טאקע, דערפאר זאָל אייער פרוי זיין א ליגנערטע, און עס זאָל מקוים ווערען „מצא אשה מצא טוב", אז ווען איהר וועט קומען אהיים זאָלט איהר טרעפען אייער פרוי ווארטען אויף אייך מיט ליבע. עס זאָל ניט זיין „ומוצא אני את האשה", ד. ה., מען דארף ערשט געהן זוכען זי ביי די שכנים.

פינחס

איין אמת׳ער פאָלקס-מענש

מדרש בדין הוא שיטול שכרו

רבותי ! איך פרעג אייך : און ווער נעמט עס ביי דעם רבש״ע אירגענד וואס שלא כדין ? די גמרא זאגט דאָך „כל האומר הקב״ה ותרן יותרו חייו (ב״ק נ׳) — (דער רבש״ע איז טאקע א דערבארימדיגער (אַ רחום). —

ווען מען האָט אמאָהל אין רוסלאנד איינגעאָרדענט די פאמיליע-נעמען, איז מען געקומען צום בערדיטשעווער זצ״ל. פרעגען איהם די קאָמיסיע-לייטע : „יאַק טוואָיאַ אימיאַ, ראַבין״ ? ד.ה., ווי איז דיין פאמיליע נאָמען ? האָט דער בערדיטשעווער זצ״ל אויפגעהויבען די אויגען פון דער גמרא און געגיבען א זיפץ. דערבארימדיגער ! וואָס ווילען די גוים ? האָט דער טשינאָווניק געגעבען א געשריי: פארשרייב „דערבארימדיגער״ ! (און אזוי איז געבליבען זיין נאָמען). האָטש גאָט איז א רחום, אָבער דער לשון „שכר״ מיינט דאָך : ניט אומזיסט, טאָ מאי קא משמע לן? אָט דער לשון „בדין״ ? איהר הערט רבותי !

די תורה זאָגט (בשלח) „כל המחלה את שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ד׳ רפאך״. איז דאָך א קשיה : סטייטש ! וויבאלד אז גאָט זאָגט אז מיר וועלען גאָר ניט זיין קראנק, טאָ צו וואָס דארף ער אונז היילען ? וויבאלד אז „כל המחלה לא אשים עליך״ טאָ צו וואָס דארף ער זאָגען „אני רפאך״ ?

דער ענטפער איז פשוט : א דאָקטאָר א בו"ד ווען ער קומט צו א קראנקען און ער זעהט אז דער קראנקער האָט קינדער וואָס ברענגען אריין אין הויז א 70 אָדער 80 דאלאר א וואָך, איז אויב אפילו דער דאָקטאָר איז איין אָרענטליכער מענש, דאָך וועט ער שוין ניט איילען זיך אזוי שנעל, געזונד צו מאכען דעם קראנקען און פטור ווערען. אָבער דער רבש"ע זאָגט צו אונז : איך בין דאָך אזא דאָקטאָר וואָס קיין געלד נעם איך ניט. טאָ אויב אזוי, זייט שוין בעסער געזונד. אייער קראנקהייט ברענגט מיר ניט קיין נוטץ.

די ווערטער „אני ד' רפאך" זיינען א נתינת טעם צו דעם „כל המחלה לא אשים עליך" איי, פארוואָס האָט גאָט די מצריים יא געמאַכט קראנק ? ווייל די מצריים האָבען פארפיהרט די וועלט מיט זייערע געטער, האָט גאָט זיי געשלאָגען מיט אלערליי מכות, צוליעב דעם אז „וידעתם כי אני ד'". איז עס טאקע אמת אז דער רבש"ע נעמט ביי קיינעם גאָרניט, אָבער דאָס איז דאָך גאר קיין ספק ניט, אז ער גיט ניט קיין שכר צו איינעם וואָס האָט עס גאָרניט פארדינט. טאָ וואָס איז דאָס פאר א לשון „בדין" ? —

דעם ענטפער, רבותי, וועלען מיר קריגען דורך אָט דעם פאָלגענדען עפיזאָד :

א מאַן איז געקומען צו דער שטאָדטישער פארוואל־טונג, און געמאָנט א „פרייז" וואָס די שטאָדט האָט באַ־שטימט פאר ראטעווען א מענשען. „סטייטש!— האָט דער שטאָדט פערוואלטער געשריגען — פארוואָס האָסטו איהם ניט געראטעוועט ? דו האָסט דאָך געבראכט א דערטרונ־קענעם ! "

— איך האָב געזעהן דעם סיין ביים טייך,— האָט דער מאַן געזאָגט — אז פאר ראטעווען א מענשען קריגט מען פינף דאָלאר און פאר ארויסציהען א דערטרונקענעם קריגט

מען צעהן דאָלאר, האָב איך געוואַרט ביז ער איז דערטרונ־קען געוואָרען, ווייל איך האָב געוואָלט דעם גרעסערען פרייז !

אָט דאָס האָבען די שבטים געטענה'ט : „הראיתם בן פוטי זה ?"

זיין זיידע האָט געמאַכט ביזנעס פון יענער רעליגיאָן און ער וויל מאַכען ביזנעס פון דער אידישער רעליגיאָן ! אָט די אידישע רעליגיע איז ביי איהם אויך א ביזנעס, אָבער ניט קיין אידעאַל.

דער נביא זאָגט : „חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו" (ישעי') — האָבען דאָך די ווערטער „אשר נשמה באפו" גאר קיין שכל ניט. וואָס איז דאָס פאר א לשון „נשמה באפו" ?

נאר מיר וועלען טייטשען דעם ווארט „באַפו" א לשון „באַפם הרגו איש" (ניט ווי יענער חזן האָט געזאָגט אז „באפם" מיינט : מיט'ן נאָז האָבען זיי מיך דער'הרג'עט, ווייל ווען ער האָט געזונגען האָט איינער געדרעהט מיט'ן נאָז צום עולם . . . ניין ! מיר וועלען טייטשען : „נשמה באַפו" ווען נעמט ער זיך אָן פאר דער גאָטהייט ? (נשמה מיינט דאָך חלק אלק) דאן ווען ער איז אויף יענעם אין כעס, און ער האָט איהם אליץ איינם פיינט; און אז ער קריגט נאָך א געלעגענהייט , אז ער כאַפּט יענעם ביי א פארברעכען, דאן ווערט אָט אָ דער פראָסטער ערדליכער מענש, אָט אָ דער אָדם, כלומרשט א „קנאי", א גאָט'ס סטראַפּטשעס, אָט פונקט ווי די גאָט'ס סטראַפּטשעס האָ־בען געוואָלט פרעזערווירען „שלום בית" אין פאמיליען לעבען, האָבען זיי געמאַכט צו שטאַרקע רעסטריקשאָנס אויף דיוואָרסעס (גט'ן) — וואָס־זשע איז געוואָרען ? פאַהרט מען אין רינאָ און מען גט זיך דאָרטען זעהר לייכט. נאָך דער צאָהל גט'ן וואָס דאָרט קומט פאר, וואלט מען

די שטאָדט געדארפט רופען ניט רינאָ נאָר גט'ים'בורג, אָדער לינקאָלן, ווייל זי באפרייט אסאך שקלאפען)

אָט דאָס האָבען גע'טענה'ט די שבטים : אז פינחס איז איין אָדם, וואס נאר נשמה באפו! ער איז אין כעס אויף דעם זמרי'ן, ווייל ער איז א מיליטערישער פיהרער, א נשיא (רש"י : שהרג : נשיא!) מהאי טעמא האָט פוטיפרע אָנגענומען יוסף'ן פאר'ן בגד (ותתפשהו בבגדו), ווייל די גמרא זאָגט אז א מענש מוז געהן אָנגעטהאָן אין שעהנע בגדים כדי צו מאַכען א גוטען איינדרוק אויף דער גע־זעלשאפט, אז זיינע רייד זאָלען ווערען אויסגעפאָלגט. —(גיטין נב).

דער מענש, אָבער, וואָס איז א גאָט'ס פאָרכטיגער, אָט דער דארף ניט אָנקומען צו קיין שעהנע קליידער — די גמרא זאָגט י"ש דברים נשמעים(ברכות ו)האָט פוטיפרע אָנגעכאַפּט יוסף'ס בגד און געזאָגט : יוסף ! אויב דו ביזט א גאָט'ס פאָרכטיגער מענש, טאָ ווארום ביזטו אזוי אריינ־געטהאָן אין שעהנע קליידער ? פארוואָס פאסט דו אזוי שטארק אויף, אויף דיין אויסערליכען אויסזעהן

(רש"י) בגדו לשון בוגד—דו ביזט א פאַלשער מענש !

איך האָב אמאָהל געזאָגט א הספד נאָך א באַנקיר וואָס האָט געלעבט א 100 יאָהר. איהר ווייסט פארוואָס אָט דער מענש האָט געלעבט 100 יאָהר ? ווייל ער האָט גענומען א גוטען אינטערעס אין לעבען (אינטערעס מיינט פראָצענט).

אָט דערפאר האָט די תורה אָנגעזאָגט אז מען זאָל א סוטה אָנטר־ינקען די מים המאררים און מען האָט איהר ניט בודק געוועזן אויב זי ליידעט אויף הדרוקן, חאָטש די גמרא זאָגט דאָך(שבת לג)„סימן לעבירה הדרוקן" ווייל מיר זיינען ניט בקי אין דעם אונטערשיעד פון „הדרוקן של רעב" און „הדרוקן של עבירה", און די סוטה טענה'ט אז עס איז מחמת רעב —

אט דאס איז דער פשט פון דעם פסוק „אכלה ומחתה פיה ואמרה לא פעלתי און (מ"ש). איך האב אמאהל גע־זעהן א מאן וויל אוועק גנב'ענען א גאלדענעם בעכער פון א חתונה, זאג איך צו איהם : סטייטש ! איהר זייט דאך עובר אויף לא תגנב ! האט דער מאן געענטפערט : ווען איך נעם ניט דעם בעכער בין איך דאך עובר אויף „לא תחמוד", טא וויבאלד אז איך מוז דאך אלץ איינס טהאן איין עברה, טא לאמיך חאטש עפים האבען פון דעם !

אדער, א איד דערפיהלט שבת אין שוהל, אז ער האט פארגעסען און האלט ביי זיך אין פאקעט צעהן דאלאר. נעמט ער און לעגט אריין די צעהן דאלאר אין א חומש אויף דעם לא תגנב; איין אנדער איד עפענט דעם חומש, און דערזעהט די צעהן דאלאר אויף דעם לא תגנב. האט ער צוגענומען די צעהן דאלאר און אוועקגעלעגט א פינף דאלאר אויף דעם פסוק „ואהבת לרעך כמך". — אט די חברה שווינדלער זיינען אלעמאהל חושד דעם אנ־דערען מענשען, ווייל כל הפוסל במומו פוסל.

אט דערפאר זאגט דער מדרש : "בדין הוא שיטול שכרו". פינחס איז ניט געוועזען „נשמה באפו" !

הנני נותן לך את בריתי שלום, ר"ת: **מה שאלתך וינתן לך** — מדה כנגד מדה. ווייל פינחס האט געטהאן מיט איין אמת צוליעב דעם פאלק. דערפאר האט איהם גאט געגעבען דאס וואס ער האט געוואלט.

און פון דאן אן, איז „כל מאי דעביד רחמנא לטב" .. אויב גאט וויל טהאן גוטעס, איז — עביד ! אבער אויב חו"ש גזירות, איז לא עביד ! לאזט איהם פינחס ניט טהאן.

דאס איז דער סוד פון „ותעצר המגפה", דאס וואס די תורה זאגט נאך „ותעצר המגפה", „ויהיו המתים כ"ד אלף" דאס מיינט מען ר' עקיבא'ס תלמידים וועלכע זיינען דאך געשטארבען אין א מגפה מיט פיעלע יאהרען שפעטער, חאטש ר' עקיבא האט געזאגט „כל מאי דעביד" . . ודו"ק.

מטות

לתשעה באב

די שבועה פאר ארץ ישראל

„איש כי ידור נדר לד׳.״

רבותי! דער וואָרט „ידר״ און „נדר״ זיינען דאָך די זעלבע זאך, טאָ צו וואס דארף די תורה זאגען דעם ווארט „נדר״? אין דער שפראך צווישען מענשען איז מען ניט קארג אויף קיין ווערטער, מיר רעדען אָפט צענדליגע איבעריגע ווערטער, ווייל מיר באגרייפען ניט דעם אמת׳ען מיינונג פון די רייד, וואס אונזער אייגענער מויל האָט ארויסגערעדט. למשל, מיר זאָגען: גיט מים אחרונים וואסער, אָדער איך הער אמאָהל ווי א איד זאָגט צום חזן: חזן, ווען וועט איהר זינגען א שטיקעלע פירוש המלות?

דער איד נעביך האָט געדענקט אז פירוש המלות איז דאָס אזא תפלה.

איינער אזא למדן פרעגט מיך אמאָהל א קשיה: סטייטש! די תורה זאָגט דאָך: ברע מלך סדום, און אין סידור שטעהט: מלח סדומית **רבע**, — האָב איך איהם געענטפערט: ווען סדום האָט זיך איבערגעקערט האָט זיך דעם קעניג׳ס נאָמען אויך איבערגעקערט...

א איד פון חברה ש"ס פרעגט מיך אמאָהל : פארוואס רופט מען די מסכת **ביצה, ביעי** ? האָב איך איהם גע־ענטפערט, אז אויף דעם קלאָגט דער נביא (ישעיה נ"ז) : הצדיק אָבד ואין איש שם על לב., ד"ה, דער **צ** פון מסכת ביצה, איז פארלאָרען געווארען, און קיינעם אַרט גאָרניט אפילו צו פרעגען אויף דעם.

א מלמד זאָגט צו א אינגעל : זאָג מיר וואָס מיינט „אשה" ? דער אינגעל ווייסט ניט. זאָגט דער מלמד : דאָס איז אזא זאך וואָס איך האָב און דו ניט. קוקט דער אינגעל אָן דעם מלמד'ס באָרד, און זאָגט : אשה איז א באָרד. — אָט דאָס איז פירוש המלות צווישען אונז מענשען, אָבער די הייליגע תורה, די געטליכע תורה ! וואָס פאר א פירוש המלות איז, כי ידר נדר ?

דערפאר זאג איך אז מיר זאָלען טייטשען דעם ווארט „ידר", אלס א לשון „דירה", און דער פשט פון דעם פסוק וועט זיין אזוי : איש כי ידר, א איד דארף זיך אלעמאָל דערמאָנען אז די וועלט איז בלויז א דירה, דער עיקר איז דער לד', או השבע שבועה ! אז מיר האָבען געטהאָן א נדר צו גאָט, אם אשכחך ירושלם, תשכח ימיני ! (תה' קלז) לא יחל דברו — מיר טאָרען ניט פארשוועכען אונזער נדר און שבועה, „ככל היוצא מפיו", עס איז מערקווירדיג אז אין געזעלשאפט זיינען מיר זעהר עמפפינדליך אויף ווער־טער, מיר פיהלען זיך שנעל אָנגעגריפען און באליידיגט ווען עס דוכט זיך אונז אז עמיצער האָט געמיינט מיט א ווארט צו באריהרען אונזער „האָנאָר", . . .

אָט למשל האָב איך פארלאָרען א שטעלע, ווייל איך האָב אין שוהל גערעדט וועגען „חנוך הבנים", האָב איך געפרעגט אזא פראגע „ פארוואס פלעגען אמאָהל די בעלי־עגלות טראָגען מיט זיך א בייטש, און היינט אז מען זעהט

שוין יא בעלי עגלות, געהען זיי גאַר אַהן בייטשען ? ! איז דאָך דער ענטפער פשוט : ווייל היינט רעדט מען צו די פערד. איך האָב געוואלט דערמיט אויסברענגען אז צו קינ־דער דארף מען רעדען און אויפקלערען זיי.— אָבער די מעמבערס פון מיין שוהל, האָבען זיך געפיהלט געטראָפען און זיי האָבען געמיינט אז איך מיין עם זיי.

ככל היוצא מפיו ! זיי זיינען שטארק מדקדק אין די ווערטער, איז דאָך א קשיה : טאָ פארוואס זייט איהר ניט מדקדק אין די ווערטער, וואָס איהר זאָגט דריי מאָהל אין טאָג „ותחזינה עינינו בשובך לציון״.

אָט אויף דעם קלאָגט דער נביא (איכה) היא ישבה בגוים לא מצאה מנוח. אידען פארגעסען זיך אז זיי זיינען אין גלות, בלויז גרים, אז זיי זיינען בלויז ווי א שכן אין א דירה. זיי יאָגען זיך נאָך הייזער און רייכטהימער אָט אקוראט ווי עס וואָלט געווען היא ישבה ! ווי זיי וואָלטען געווען תושבים.

״גלתה יהודה מעוני ומרוב עבודה„. ווייל זיי יאָגען זיך אזוי פיעל נאָך געלד, און ארבייטען טאָג און נאַכט אויף דעם, איז מרוב עבודה ! האָבען זיי ניט קיין צייט צו לערנען און זיי בלייבען אָרים אין תורה — גלתה יהודה מעוני ! (מעניות של תורה, במ״) אין עני אלא בדעה. (נדרים מא).

די גמרא (ברכות ג׳) זאָגט : א״ר יוסי, פעם אחת הייתי מהלך בדרך ונכנסתי לחורבה אחת מחורבות ירושלים להתפלל, בא אליהו זכור לטוב וא״ל, בני, מ״מ נכנסת לחורבה זו ? א״ל להתפלל. א״ל, היה לך להתפלל בדרך.

איז דאָך א קשיה, סטייטש ! ר׳ יוסי האָט דען ניט געוואוסט אז א חורבה איז א מקום סכנה, און עס איז דאָך

נאָך מעהר קשה, וואס אליהו זאָגט אז מען קען דאווגען אויפ׳ן וועג, — דאוונען אויפ׳ן וועג איז דאָך נאָך מעהר סכנה, ווייל דאוונען נויטיגט זיך דאָך אין כונה, „תכין לבם תקשיב אזנך”. נאר מיר זעהען דאָ אין די ווערטער גאָר איין אנדער געדאנק :

ר׳ יוסי איז אריין אין א חרובען טעמפעל, וואָס קיין גמרא לערענט מען דאָרטען ניט, קיין אידישע רבנים זאָגען דאָרטען ניט קיין דרשות, און אַט דער שעהנער טעמפעל איז א חורבה פון ירושלים, ווייל ווען ירושלים וואָלט ניט זיין חרוב, וואָלט מען דאָך אזוינע טעמפלען ניט אויסגעבויעט.

עס ווייזט אויס אז די אידען פון טעמפעל, האָבען זיך מיאש געווען פון ירושלים, ווייל זיי בויען צו שטארקע טעמפלען. . . אַט דאָס האָט ר׳ יוסי געענטפערט צו אליהו׳ן, להתפלל ! דאָס איז בלויז אזא שוהל וואס מען דאווענט דארט, אָבער מען לערענט דאָ ניט קיין תורה. וא״ל היה לך להתפלל בדרך, דו האָסט בעסער געדארפט געהן דאוונען אין אזא שוהל, וואס יענע אידען קלייבען זיך אין וועג, וואָס האָפען און שטרעבען צו געהן וואָס שנעלער אין ארץ ישראל — בדרך ! האָסטו שוין בעסער געדארפט דאוונען, אין דער מערת המכפלה שוהל, ד״ה אין א בעיסמענט שוהל, ערגיץ אין דער 9-טער עוועניו.

אַט די אידען וואס שטרעבען ניט צו ארץ ישראל, זיינען אקוראט ווי יענער באָרדער אין די מאונטענס, — דער מענעדזשער פון האָטעל זאָגט צו איהם, ביי אונז וועט איהר זיך פיהלען ווי אין דער היים. האָט ער געכאַפט די פיס אויף די פלייצעס און איז אנטלאָפען. דער גאנצער עיקר פון אַט דער וועלט אין וועלכער מיר זיינען בלויז ווי שכנים, אין א צייטווייליגער דירה, איז דאָך תורה ! און

די אמת'ע תורה קען מען אין גלות ניט דערגרייכען, ווייל דער גלות איז געגליכען צו דער פרה אדומה, זי איז מטהר די טמאים, אָבער זי איז מטמא די טהורים.

די אמת'ע כהנים, די טרעגער פון דער תורה, זיינען דאָך ביי די הדיוטים ניט אנערקענט, עס איז דאָך טומאתה בשוליה. די טומאה געוועלטיגט דאָך ר"ל אפילו אין די שוהלען ! מעהר וויל איך ניט זאָגען (האָטש עס איז ניט מיין לעצטער וואָרט).

ווייל אונז אינטערעסירט דאָך אלעמען בלויז איין זאך — צו הערען היטלער'ס לעצטען ווארט, ימ"ש. אויף דעם ווארט ווארטען מיר מיט אומגעדולד, . . רבש"ע!

לפענ"ד זיינען די מעהרסטע שוהל אידען, אזוי ווי יענער ישיבה בחור. — אז דער רבי האָט איהם געפרעגט : וועלכע דריי ווערטער באנוצען די ישיבה בחורים זעהר אָפט ? האָט ער געענטפערט : איך ווייס ניט. דער רבי האָט א שמייכעל געטהאָן, און געזאָגט : דו האָסט גע-טראָפען ! — אונוויסענדיג זינדיגען זיי מיט דעם „על חטא שחטאנו בגלוי עריות", זיי פארטרייבען די תלמידי חכמים פון די שוהלען ! (עריות—אריות, עין מתחלף באלף —

זייט ניט אזוי ווי יענער גביר, וועלכער, אז רעוו. ווייס איז געקומען צו איהם קאָלעקטען פאר'ן קרן קימת, האָט ער אויסגעשריגען מיט א קרעכץ : „מה בקש לבן" ? געוועהנליך האָט ער דאָך ארויסגענומען צעהן דאָלאר, אָבער ער האָט פארלאנגט 9 דאָלאר טשענדזש. האָט איהם רעוו. ווייס ניט געגעבען קיין טשענדזש, און געזאָגט : „לבן בקש לעקור את הכל", — ניט אומזיסט הער איך אלץ אז מיר ווילען א אידישע קאָמענוועלטה . . . ווייל קוים,

קוים וואס מען קען עם פועל'ן אפילו ביי אונזערע אידען.
רבש"ע ! ותחזינה עינינו בשובך לציון !

אבער דאס קען מען נאר דערגרייכען דורך צדקה, דורך העלפען די חכמים — ווייל צדקה איז די גרעסטע חכמה. אשרי משכיל אל דל ! איז דער טייטש : וואויל איז דעם אידען וואס מאכט קלוג דעם ארימאן, — די וועלט זאגט דאך : „א נאר גיט, און א קלוגער נעמט" איז דערמיט וואס מען לאזט דעם ארימאן נעמען, וועט ער דאך אויטא־מאטיש א קלוגער.

אין ירושלים נפדה אלא בצדקה. (שבת קלט).

דרשה ב.

תורה איז די בעסטע סחורה

„לתת נקמת ד' במדין". -

די וועלט פרעגט: פארוואס האט מ"ר אומגעביטען דעםווארט „נקמת בני ישראל" און ער האט געזאגט : „נקמת ד'?"

איך וויל ענטפערען די קשיה, מיט דער פאלגענדער ערצעהלונג:

א מיליטערישער מאן איז געזעסען ביי דער בעט פון זיין קראנקען ביזנעס-פארטנער, און זיך צוגעהערט, ווי יענער איז זיך מודה אויף זיינע זינד, אין די לעצטע מינו־טען פאר'ן טויט.

„איך האב דיך באגנב'עט אין 75 טויזענד דאלאר קעש. אונזער געהיימע בעמישע פארמולע, האב איך פאר־

קויפט צו אונזער קאָנקורענט פאר א האַלבען מיליאָן דאָ־לאר. איך בין אויך געווען דער יעניגער וואָס האָט גע־ווירקט אויף דיין פרוי אז זי זאָל דיך גט'ן."

„אָלרייט! — זאָגט דער מיליטערישער גאון — אין א רוהיגען טאָן, — איך וויל זיך פאר דיר אויך מתודה זיין! באלד ווי איך בין אהיים געקומען אויף אורלויב, האָב איך דיר אריין געטהאָן די סם אין דיין קאָפע פון וועלכען דו געהסט יעצט שטארבען!"

אָט יעצט, רבותי, קענט איהר שוין פארשטעהן פאר־וואָס מ"ר האָט געזאָגט „נקמת ד' " — נקמה פון אזוינע מענשען וואָס רואינירען א מענשען'ס עקזיסטענץ, אָט די נקמה איז א געטליכע — און דערפאר שטעהט דער וואָרט: „אל נקמות ד' ", צווישען צוויי געטליכע ווערטער — (ברכות).

משה רבינו האָט אונז דערמיט געלערענט, אז דער געלערענטער מענש דארף ניט איבערזאָגען אלעם וואָס מען זאָגט, פינקטליך אזוי ווי א רעקאָרד פון א פאָנאָגראף, מען דארף קוקען אין בוך און נוצען דעם אייגענעם שכל. עס מאכט דאָך ווירקליך צום לאכען ווען איינער זאגט נאָך ווארט אין ווארט פון די ביכער, און באנוצט ניט די אייגע־נע קאָפ, עס קומט אוים אזוי ווי יענער קאָמאנדיר פון דער ארמיי.—

איין אלטע פרוי פרעגט איהם אויב זי קען זעהן איהר אייניקעל, א סאָלדאט. קוקט דער קאָמאנדיר אריין אין די רעקאָרדס פון זיין באַטאַליאָן, און זאָגט צו איהר : — באָבינקע! פאָהרט שנעל אהיים! ווייל אייער אייניקעל איז דאָך אוועק געפאָהרען צו אייער לויה.

אָדער עס האָט פאסירט ווי א מאָן באקלאָגט זיך פאר דעם דאָקטאָר, אז די הארץ טהוט איהם וועה. זאָגט דער דאָקטאָר: איהר האָט געמאַכט א טעות, איך בין נאָר א

פרויען-דאָקטאָר ! — זאָגט דער מאַן: אָט טאקע דערפאר בין איך דאָך צו אייך געקומען, ווייל מיין קראנקהייט האָט זיך צו מיר גענומען פון מיין פרוי׳ס גרויסען צונג. —

מענשען באַגרייפען ניט פיעלע מאָהל די באַדייטונג פון ווערטער. אָט דערפאר בין איך אזוי באגייסטערט פון דער תנ״ך און גמרא שפראך, אז צייטענווייז בין איך מקצר אין דאוונען צוליעב דעם לערנען.

תפלה, דאָס איז וואָס מענשען רעדען, און בעטען, אז גאָט זאָל זיי הערען. — אָבער **תורה**, דאָס רעדט דער **בורא** ! — טאָ וואָס איז וויכטיגער? וואָס קען מען מעהר לויבען? צי דאָס וואָס מענשען רעדען אונטען, אָדער גאָט׳ס וואָרט פון אויבען ?

תפלה האָבען די אָבות אונז געלאָזט א ירושה,
אָבער **תורה** דאָס איז דאָך די גרעסטע קדושה !

עס ברענגט אונז ליכט, עס גיט אונז כח,
עס עפענט דאָך דעם גאנצען מוח !

וואָס מעהר די תלמידים פרעגען שאלות,
קריגט דער רבי אלץ מעהר התפעלות !

זייט ניט ווי יענער איד וואָס האָט זיך באקלאָגט פאר׳ן רבי׳ן אז ער האָט פארלאָרען זיין גאנצען פארמעגען, האָט דער רבי איהם געהייסען זאָגען 3 מאָהל „איזהו״. — קומט דער איד אריין נאָך אמאָהל צום רבי׳ן און וויינט, סטייטש, רבי! איך האָב געזאָגט און עס העלפט ניט ! — זאָגט דער רבי צו איהם : איך האָב ניט געמיינט דעם „איזהו״ פון סידור, נאר דעם „איזהו״ פון דער גמרא :— „איזהו שוטה המאבד כל . . . ״

דאָס מיינט אזוי: א שוטה מיינט אז ער האָט אלעס פארלאָרען. אָבער דער חכם ווייסט דאָך, אז א מענש פאר־לירט ניט אלעס. חכמה קען מען דאָך אין אלגעמיין ניט

פארלירען, דאס איז כח-מה. — די גמרא זאָגט (פס' נ') : אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו. דער פשט פון דעם איז: א ת"ח איז ניט באגייסטערט פאר געלד, ווייל ווען די ת"ח וואָלטען יא געווען באגייסטערט פאר געלד, איז עס דאָך ביי זיי אין די הענד, צו טהאָן אנדערע זאכען און ניט לערנען קיין תורה. אָט דערפאר איז וואויל די ת"ח, ווייל „ותלמודו בידו" ! זיי האָבען געהאט די ברירה אין זייערע הענד, און דאָך האָבען זיי אויסגעקליבען די תורה אלס די בעסטע סחורה !

דער וועג צו לערנען תורה איז זעהר איין אינטערע-סאַנטער, און איז אָנגעפיקעוועט מיט טיעף זיניגע חכמה. אָט למשל, די תורה זאָגט (אמור) „אלה הם מועדי", און באַלד נאָכדעם „ששת ימים תעשה מלאכה", רש"י פרעגט טאַקע: מה ענין שבת אצל מועדות? דער הגר"א ענטפערט אז עס איז דאָ דורך'ן יאָהר זעקס טעג פון יום טוב, אין וועלכע מען קען טהאָן מלאכה לצרך אכל נפש, קאָכען און באַקען פאר דעם טאג יו"ט. אָט דאָס זאָגט די תוה"ק „ששת ימים תעשה מלאכה", אָבער „וביום השביעי שבת שבתן", דאָס מיינט די תורה יו"כ.

אָדער למשל די תורה זאָגט (תשא) „ונקה לא ינקה", איז דאָך אין פלוג א קשיה: סטייטש ! די תורה רעכענט דאָך דאָרטען אוים די מדות הרחמים, פון גאָט, טאָ וואָס איז דאָס פאר א מדת הרחמים, דער „ונקה לא ינקה"?

אָט אויף דעם האָט רבי מאיר געענטפערט (פ"ק ד') „אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו — ד.ה., נעם אראָפּ פון דעם פסוק ונקה לא ינקה די אותיות קנקן בלייבט דער שם הרחמים ! די רחמנות פון דעם רבש"ע צייכענט זיך אוים אפילו אין דעם וועג ווי אזוי ער רעכענט זיך דעם חשבון מיט די שונאים פון דעם אידישען פאָלק. מיט די שונאים מוז מען מאכען א חשבון, מען טאָר זיי ניט שענ-קען ! למען ישמעו וייראו !

מסעי

למתן תורה — גיט די סחורה

רבותי ! אַט אין דעם ערשטען פסוק פון ס׳ מסעי ווערט ארוים געשפראָכען די אַלע אידישע יסורים און דער גלות, די ר״ת פון דעם פסוק אלה מסעי בני ישראל איז, אדום מצרים בבל יון.

„עבדים משלו בנו״ (איכה) שקלאפען הערשען איבער אונז — אַט צום ביישפיעל די נאַצים, זיי זיינען דאָך אליין פארשקלאפט ווי פערד, און דאָך הערשען זיי איבער די אונטערדריקטע. . .

עס האָט פאסירט אז אין מיטען גאס אין בערלין, איז געפאלען א פערד. האָט מען גערופען א פערד דאָקטאָר. ווען דער דאָקטאָר איז געקומען האָט ער באַלד אנגעהויבען שרייען : „העיל היטלער! העיל היטלער!״ פרעגט מען דעם דאָקטאָר ווארום ער שרייט „העיל היטלער״ ? רופט ער זיך אָפּ : אז מען זאָגט „העיל היטלער״ שטעהען אויף אלע פערד !

טייטש איך דעם פסוק אזוי : עבדים משלו : אז די מושלים זיינען עבדים איז דער גאנצער פאָלק פשוט פערד.

ויכתב משה את מוצאיהם למסעיהם. ואלה מסעיהם

למוצאיהם. — פארוואס זאָגט די תורה די זעלבע ווערטער נאָך אמאָהל ? און פארוואס זיינען די ווערטער איבערגעקערט, „מוצאיהם למסעיהם — מסעיהם למוצאיהם״ ? דער ענטפער איז פשוט : ווען מיר זיינען באפרייט געוואָרען פון מצרים איז ביי אונז אידען געוועזען די הויפט זאַך **יציאת מצרים**. דער עיקר איז געווען דער **מוצאיהם** ! אָבער איין אמת׳ן איז דאָך דער גאנצער צוועק פון גלות דער **מסעיהם**. צוליעב דעם צוועק פון „ויסעו מקברות התאוה ויחנו בחצרות״, אויב א מענש וויל אוועק פון די תאות וואס באגראבען דעם מענשען (ד״ה קברות התאוה) איז דאָ איין עצה : דער מענש זאָל באטראכטען אז די וועלט איז ניט מעהר ווי א חצר, ד. ה., א צייטווייליגער דורכגאנג. און עס לוינט זיך ניט צו זיין שלעכט, נאר מיר דארפען זיין אין דער בחינה פון „ויחנו בחצרות״. ווייל, „כי לא במותו יקח הכל״, אָט דערפאר איז דאָך „לא ירד אחריו כבודו״, דאָרטען איז ער אָרים, און איין אָרימאן גיט מען ניט קיין כבוד.

„לא ירד אחריו כבודו״ איז א נתינת טעם. אויב ניט, זיינען דאָך די ווערטער איבעריג. ער זאָגט דאָך שוין „לא יקח הכל״, איז דאָך כבוד אויך בכלל.

די וועלט דערצעהלט, אז שבועות באַנאַכט ווען פיעל חסידים זיינען געזעסען אין שוהל, און געזאָגט „תקון שבועות״, האָט זיך דער סטאלינער רבי זצ״ל געשטעלט ביי דער טהיר און געגומען שרייען הויך אויפ׳ן קול : — „דאַוואַי טאָוואַר ! דאַוואַי טאָוואַר ! ״ דער עולם האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, סטייטש ! וואָס פאר א סחורה ? וועלכע סחורה? און עפּיס רעדט דער רבי גאָר אויף גוייאיש ? — האָט דער רבי דערצעהלט :

א שווינדלער האָט זיך פארשטעלט פאר א פאברי־

קאַנט. ער האָט געצייגט סעמפּעלס פון סחורה און האָט גענומען ביי א רייכען פּריץ אסאך געלד אין פאָראויס אויף דער סחורה וואָס ער וועט איהם שיקען. אז מען האָט דעם שווינדלער געכאַפּט, האָט דער פּריץ געשריען „דאַוואַי טאָוואר, טאָוואר דאַוואַי״!

אַט אזוי טרעפט אמאָהל אז די אידען זאָגען „תקון שבועות״, וואָס איז תנ״ך משניות און זוהר, אָבער די גוטע מדות וועלכע די תורה לערענט אונז, לערנען זיי זיך ניט אויס!

טייערע ברידער! מיר דאַרפען זיך לערנען פון אַט די מסעות ונדודים, וואָס אונזער פאָלק מאַכט דורך, אז מיר זאָלען רחמנות האָבען אויף נודדים.

די גמרא (אין מ״ק) זאָגט: רמז לציון קברות מהתורה מנין, שנאמר וראה עצם אדם ועשה לו ציון. (יחזקאל ל״ט) רב אשי אמר מהכא (ויקרא ט״ו) ושמרו את משמרתי, עשו משמרת למשמרתי. רבינא אָמר מהכא (תה׳ נ) ושם דרך אראנו בישע אלקים.

אז רבינא ברענגט א ראיה פון דעם פסוק אין תהלים נ׳, און וויל ניט אָננעמען די ראיה וועלכע רב אשי ברענגט פון ויקרא, אָדער די ראיה פון דעם פסוק אין יחזקאל ל״ט, מוז דאָך זיין עפּיס א גרויסער אונטערשיד להלכה ולמעשה נאָר דער פּשט איז אזוי פון דעם פסוק „וראה עצם אדם״: יעדער מענש וואָס איז איין אדם, ד. ה., א מענש וואָס איז גוט בין אדם לחברו, אָדער ווי די גמרא זאָגט (כתובות ק׳ג) מת פניו כלפי העם סימן יפה לו, ד. ה., אז אַט דער מענש וואָס אז ער האָט געלעבט איז ער אלעמאָל געוועזען א גוטער צום פאָלק, (אַט דאָס מיינט מיט׳ן פנים צום פאָלק), אַט אזא מענשען דאַרף מען מאַכען א ציון אויף זיין קבר, ד. ה., מען דאַרף באַצייכנען אז ער פעהלט אונז.

רב אשי וויל אָבער האָבען, אז בלויז דעם מענשען וואס האָט אָפגעהיט די גאנצע תורה, ווייל די תורה זאגט, ושמרו את משמרתי. אָבער רבינא זאָגט אז נאָר אזא מענשען מאַכט מען א ציון און איין אנדענקען, וואָס האָט גע־לערענט זיינע קינדער דעם דרך התורה והיהדות, „ושם דרך", איז דער פשט : דער וואָס האָט געמאַכט א דרך.

אָבער די אידען וואָס זיינען אין דער בחינה פון ויחנו ברפידים (שרפו ידיהם מד"ת) ולא היה שם מים (אין מים אלא תורה) ד. ה„ זיי זיינען ניט קיין מחזיקי תורה, נאר מזיקי תורה, אָט אָ די אידען דארף מען דאָך קיין ציון ניט מאַכען.

ליידער זיינען דאָ ביי אונז אזוינע ערציהער וואס קענען אזוי פיעל לערנען ווי דער בירזער מלמד. דער ביר־זער מלמד פלעגט זאָגען אז דער וואָס האָט ניט געלערענט ביים בירזער מלמד קען ניט לערנען. האָט דאָך דער בירזער אליין ניט געקענט לערנען, ווייל ער האָט דאָך ניט געלע־רענט ביים „בירזער מלמד".

די תורה, וועלכע איז געגליכען צו מילך, מיט וועלכע אָט די ערציהער שפייזען דעם יונגען דור. מאַכט מיך צום גלויבען אז עס איז פאראן א בלויע קוה, חאָטש איך האָב קיינמאָהל אזא בהמה ניט געזעהן, נאר פון די מילך בין איך זיך משער אז עס איז דאָ א בלויע קוה.

רבותי ! דער איד וואָס איז ניט מחזיק די תורה איז ער אזוי ווי ג"ג, וועלכער וועט האָבען א מיאוסען סוף, ווען משיח וועט קומען. (ג"ג איז ר"ת : גוי גמור). .

דער שטן האָט זיך באקלאָגט אז ער האָט ניט קיין ארבייט. סטייטש ! זאָגט צו איהם גאָט — וואָס איז ? מען

זינדיגט דען ניט ? אדרבה ! האָט דער שטן געענטפערט, נאָר זיי זינדיגען אָהן מיר. די אונוויסענהייט און דער נאַר שטופט זיי ! — זעהט-זשע, אידען, לערענט תורה ! זייט ניט אונוויסענד ! — זייט ניט אזוי ווי יענער ע"ה, אז איך האָב איהם געזאָגט, איהר ווייסט וואָס די תורה מיינט מיט די ווערטער „בזעת אפך תאכל לחם" ? — האָט ער מיר געענטפערט : דאָס מיינט, מען זאָל עסען מיט אזא אימפעט, שוויים זאָל אזש רינען פון פנים.

דער געדאנק פון קרבנות איז : **תמים** יקריבנו. ר"ת פון „תמים" איז : **ת**ורה **מ**צות יראה **מ**דות.

אָט דערפאר האָט גאָט אָנגענומען הבל'ס קרבן, ווייל „והבל הביא גם הוא", הבל האָט זיך אליין מקריב געווען צו דעם אידעאל פון תורה ! ביי די קרבנות איז דאָ א דין : „וקרבו וכרעיו ירחץ במים", דאָס מיינט דער מענש זאָל אויסרייניגען זיינע מדות דורך תורה (אין מים אלא תורה).

אָט דאָס איז דער פשט פון די ווערטער (ברכות) : „ביאת שמשו מעכבתו", לשון שמש, דאָס מיינט מען דעם ת"ח וואָס ווערט אָנגערופען „שמש צדקה מרפא בכנפיה", די כנפי יונה ! די מצות פון דער תורה.

די גראָבע, שלעכטע יונגען זיינען מעכב מלאכול תרומה (תורה, מ) — איך האָב אמאָהל געזאָגט צו א גראָבען יונג, וואָס ביי איהם פעהלען די חדשים כים-לב. (כסלו) אז ביי מיר איז דאָ איין איבריגער חדש, דאָס איז „אייר", ד"ה, איהר זייט איבעריג ! די וועלט דאַרף ניט אזוי פיעל רשעים. — עס זיינען דאָ אזוינע מענשען, וואָס ווען זיי זיינען ביי דער שונמית, וואָלט מען געקענט אָנ-צאפען נאָך בוים-אויל, ווייל זיי זיינען פוסטע כלים. אָבער

יעצט דארף מען ניט אָט די פוסטע כלים. פונקט ווי מען דארף ניט די נאַצים.

א נאַצי, איין אנטיסעמיט האָט געבעטען ביי א רייכען אידען צען דאָלאר, אויף די עקספּענסעס צו באַגראָבען א נאַצישען סאָלדאט. האָט דער איד איהם געגעבען הונדערט דאָלאר. וואונדערט זיך דער נאַצי, וואָס דער איד גיט איהם אזויפיעל געלד? — וואונדערט זיך ניט! נעם די געלד — זאָגט דער איד און באגראָב נאָך א ניין נאַצים.

א ישובניק האָט געפרעגט א רב: סטייטש! ווי קומט א דבר אחר אין דער הגדה? ! האָט דער רב געזאָגט: עס איז דאָ אין דער הגדה א רשע, וויל ער א שטיקעל דבר אחר, — אָבער די נאַצי-חזרים דארף מען ניט, און איך וויל זיי ניט אין מיין „תבת נח", נאר אין דער ערד!

דערפאר, אז די נאַצים האָבען אויפגעהאנגען ביי א שמש אויף די פּלייצעס א סיין מיט דער אויפשריפט: — „אידען ארויס, נאַצים אריין", איז דער שמש אוועק מיט'ן סיין אויף'ן סעמעטערי, און געשריען: אידען ארויס! נאַצים אריין!...

איין אָפענער בריעף צו ר׳ ישראל׳ן

ער זאָל שטיצען ת״ח

(לויט דער הפטרה פון חקת) „ויאמר יפתח אל זקני גלעד״.

די ר״ת פון די עטליכע ווערטער באטרעפט אין גימט׳ 27, פונקט וויפיעל דער ווארט זך באטרעפט. דערפון לערנען מיר, אז יפתח איז געווען געצוואונגען צו רעדען מיט די זקנים, קלאָהרע דייטליכע ווערטער — יפתח האָט זיך געננוג אָנגעליטען פון זיי, און דורך א מיספארשטענדניש, האָט מען איהם גערופען „בן אשה זונה״, חאָטש זיין מוטער איז קיין זונה ניט געווען.

מיינע טייערע פריינדע ! איך האלט אויך פון דעם כלל אז א רב דארף רעדען קלאָהרע דייטליכע רייד, כדי מען זאָל איהם פארשטעהן, ער דארף רעדען הויך, כדי אלע זאָלען קענען הערען, און דער עיקר דארף ער רעדען ווינציג, וועט מען איהם דאַנקבאר זיין. קענט איהר דאָך מיך פרעגען, טאַ וויבאלד אז איך היט אָפּ אזעלכע גוטע פרינציפּען, טאָ פארוואָס האָב איך ניט קיין שטענדיגע שוהל ? און איך דארף אלע טאָג זאָגען אויף איין אנדער בימה. איז דער ענטפער פשוט, אָט אויף דעם האָט טאקע דער נביא ירמיה געקלאָגט מיט די ווערטער: „מי יתן ראשי מים״, דאָס מיינט אזוי: דער נביא זאָגט: רבש״ע ! ווען איך האָב א קאָפּ מיט וואסער, און קיין שכל האָב איך ניט, וואָלט איך זיך דאָך בעסער צוגעפּאסט צו דער געזעלשאפט. אָבער אז איך בין א מענש וואָס פארשטעהט, ווייל מיין קאָפּ איז דאָך מיט מארך און ניט מיט וואסער, מוז איך זיין אין דער פאָרם פון „והחנוני מקיף״ (פ״ק ג) מקיף, מיינט אזא קרעמער וואָס שטעהט ניט מיט זיין קראָם אויף איין אָרט, נאר ער מוז ארום געהן מיט זיין סחורה, אָט אזוי געה איך ארום מיט מיין שוועהרען באגאזש פול

מיט תורה, אלע טאָג אויף איין אנדער בימה, אין איין אנדער שוהל, שוין זייט די לעצטע פינף און צוואנציג יאָהר

איך בין אזוי ווי יענער גריכישער פילאָזאָף, ווען די נאַציס האָבען אָקופירט גריכענלאנד, האָט דער פילאָזאָף גענומען אַ לאָמפּ, און איז ארום געגאנגען איבער'ן שטאָדט און געזוכט, פרעגט איהם דער נאַצישער געסטאַפּאָ אגענט, ווען זוכסטו?! האָט דער פילאָזאָף געענטפערט: איך זוך איין אָרענטליכען דייטש. האָט דער געסטאַפּאָ אגענט איהם גוט אָנגעשלאָגען און אריין געווארפען אין אַ קאָנ-צענטראציע לאַגער. דער גריך האָט ניט געוויינט און האָט זיך ניט באקלאָגט: ער איז געווען צופרידען וואָס ענדליך האָט ער געפונען אין קאָנצענטראציע לאגער אלע אָר'ענט-ליכע מענשען.

אָט אזוי מיינע פריינדע, בין איך געווען די ערשטע צייט פון מיין וואנדערען (איבער די שוהלען) צופרידען, ווייל איך האָב געהאָט די געלעגענהייט צו באגעגענען אויף מיין וועג די בעסטע מענשען און גרעסטע געלערענטע פון פאָלק. איך האָב אָבער אויך מיטעמאַכט דער אנדערען האלבען פסוק „עיני מקור דמעה". איך האָב ניט געקענט באגרייפען פארוואס א געוויסע גרופע אידען האָבען ניט קיין רעספּעקט פאר די רבנים מופלגי תורה, וואָס קענען זיך ניט צופאסען צו קיין שטענדיגען אָרט אין שוהל.

די גמרא רופט אָן דעם ת"ח מיט'ן נאָמען **זקן**. און עס איז ניטא דער אמת'ער געפיהל פון איינזעהעניש פאר אַלטקייט. די וועלט האָט מעהר לוסט צו אלטקייט וואָס געפינט זיך אין א פלעשעל (בראַנפען). זיי פארגעסען זיך אז אַלטקייט איז דאָך די גרעסטע ברכה פון גאָט, —

עס זיינען דאָ אזוינע מענשען וואָס האָבען רעספּעקט פאר געלד, פאר גוטע אינוועסטמענטס וואו די געלד איז גאראַנטירט. אָבער פארוואָס בעגרייפען זיי ניט, אז אמאָהל

נעמט מען צו דעם מענשען פון די געלד (אין די יונגע יאהרען ר״ל).

אט איז דאך געשטארבען דער מיליאנער פארד אזוי יונג. אט דאס איז די בעדייטונג פון די ווערטער „קץ כל בשר בא לפני״, דער סוף פון דעם מענשען׳ס לעבען איז געקומען פאר גאט מיט א טענה אז דער מענש פארגעסט זיך אין זיין סוף, (דערפאר זאגען די חסידים ויקרב קץ).

דער אונבעשרייבליכער וואונדער פון דער נאטור ! איז, אז איהר שוחטים, וואס איהר קוילעט אזוי פיעל לעבעדיגע זאכען, האט איהר זיך אמאהל פארטראכט אין דער ענדע פון דעם לעבען ? (סוף בהמה לשחיטה, וסוף אדם למות). — היינט אז אויב איהר, שוחטים, בעגרייפט עס ניט, וואס איהר דארפט מאכען אייערע געצייג „חד וחלק״, טא וויאזוי זאל שוין א געוועהנליכער מענש וויסען דעם תכלית פון דער וועלט ? דערפאר זאג איך אז מען דארף קיינעם ניט פאראורטיילען.

די וועלט דערצעהלט אז א איד האט געזאגט פרק און זעהר געוויינט. פרעגט איהם איינער, פארוואס וויינט איהר? זאגט ער, וויאזוי זאל איך ניט וויינען? אז דער תנא זאגט: „כל ישראל יש להם חלק לעוה״ב״. אבער איך בין דאך א כהן, און מיינע אייניקלעך זיינען לויים, טא וויאזוי זשע װעלען מיר האבען עוה״ב? זאגט ער איד צו איהם, שוטה ! אט דערפאר שטעהט דאך כל. „כל״ איז ר״ת : כהנים לויים.

נאך מיין ארימען פארשטאנד קומט אויס אז די ת״ח דארפען קיינמאהל ניט רעדען צום פאלק אין א שטרענגען טאן. אויב עס איז יא דא פעהלערען אין דער מענשהייט איז דאס אזא קראנקהייט, וואס עס דארף ווערען בעהאנדעלט פון דאקטוירים וועלכע רעגען ניט אויף דעם קראנקען׳ס הארץ און זיינע נערוועז. אט דאס זאגט דער גייסטיגער

ריעז, אבטליון: „חכמים הזהרו בדבריכם, שמא תחובו חובת גלות ותגלו". דאָס מיינט גאנץ פשוט, אויב איהר חכמים וועט אויפרעגען דעם פאָלק דורך אייערע שאַרפע רייד, וועט מען אייך דורכטרייבען חלילה און די ענדע וועט זיין שלעכט פאר אייך, און שלעכט פאר דער וועלט.

איך מיין ניט חו"ש אז מען זאָל חנפ'נען די רשעים, און זאָגען זיי אז זיי טהוען גוט. ניין ! דאָס גראדע ניט !

דער אמאָליגער נח האָט די רשעים פון זיין דור ניט געבראכט אויף דעם גלייכען וועג, איז חאָטש די תורה זאָגט אויף איהם אז ער איז געווען א צדיק, זיינען דאָ א טהייל וואָס זאָגען אז נאָר אין זיין צייט צווישען אזעלכע רשעים האָט ער זיך גערעכענט פאר א צדיק, אָבער אין דער אמת'ן איז ער ניט געווען קיין צדיק. ווייסט איהר פון וואנען זיי נעמען דאָס צו זאגען, ווייל די תורה זאָגט: „תמים היה בדורותיו", ד.ה. ער איז געווען באליבט ביי זיינע דורות, און די גמרא זאָגט „האי צורבא מרבנן דמרחמין ליה בני מתא . . . משום לא מוכח להן במילי דשמיא (כתובות ק"ה).

דעם פאקט וואס איך וויל דאָ ארויסברענגען, איז, אז ניט אלע וואָס האָבען א נאָמען פאר צדיקים, זיינען ווירקליך צדיקים, און ניט אלע וואָס זיינען רייך, זיינען פילאַנטראָפען. עס טרעפט זעהר אָפט אז פון א רייכען איז שוועהר ארויסצוקריגען א מטבע, — איהר ווייסט פארוואָס מען רופט עס „מטבע"? ווייל געלד איז רונד, עס קייקעלט זיך, אבער אז עס קומט צו בלאָטע זינקט עס דאָרטען אריין. און עס טרעפט אז מען קען חו"ש פון דאָרטען גאָר־ניט ארוים קריגען. (מטבע לשון נטבע).

אָט טאקע צו אייך אידען, ביי וועלכע די געלד איז אין אייך אזוי שטארק אריין געזונקען, אז מען קען פון אייך גאָרניט ארויסשלעפען, (מעגליך אז טאקע דערפאר איז קרח איינגעזונקען געוואָרען מדה כנגד מדה) — זאָלט

איהר ווייסען אז דער תנא זאָגט (פ״ק ה) די מעלה פון א חכם איז, וואָס „ועל מה שלא שמע אומר לא שמעתי״. איז דאָך א קשיה! פאַרוואָס באנוצט זיך דער תנא מיט אזא מאָדנע אויסשפּראך „שלא שמע אומר לא שמעתי״? פאַר־וואָס זאָגט ער ניט „שלא שמעתי אומר לא שמעתי״, און צווייטענס דאָס געהט דאָך אריין אין דעם כלל פון אמת.

נאר דער פשט איז „ועל מה שלא שמע״ מיינט מען דעם רבש״ע, דער חכם זאָגט: אז דאָס וואָס דער רבש״ע הערט ניט אונזער תפלה, איז ווייל מיר האָבען אויך ניט געהערט ווען מען האָט ביי אונז געבעטען.

זעהט־ זשע, רבותי! הערט מיין געבעט און שטיצט די תורה! הרחק משכן רע! קען מען טייטשען: דערוויי־טער פון דיין שכן די שלעכטעס! העלף איהם מיט, גייסטיג און מאטעריאליש.

תם ונשלם סדר במדבר

רבותי ! די גוים אז זיי ווילען געדענקען א מענשען קריצען זיי איין דעם נאָמען פון דעם מענשען אין זייער קערפּער. (רש"י קדושים) „כן דרכן של אמוריים, להיות משרטין בשרם". מיר אידען טאָרען דאָס ניט טהאָן.

דערפאר טהו איך אזוי : „מגיד דבריו ליעקב", איך זאָג אייערע נעמען צו ר' יעקב'ן, ער דרוקט זיי אויף אלע מיינע ספרים, און אייערע נעמען וועלען קיינמאָהל ניט פארגעסען ווערען, בעזהשי"ת, אין יעדען נאָמען איז דאָ עפּיס וויכטיגעס ! אָט למשל, דער נאָמען „הירש", איז בגימט' 515, אָט אזוי פיעל וויפיעל דער וואָרט „ואתחנן" באַטרעפט. דער נאָמען פון מיין פאָטער איז שלמה-**הירש**, איז : **ואתחנן**, בעט איך ביי גאָט אז אין דעם זכות פון מיין פאָטער וואָס איז געווען א גרויסער למדן ויר"ש, (א טשערנאָבילער חסיד), אז אָט די אלע אידען וואָס העלפען מיר מיט זייער געלד צו דרוקען די ספרים זאָל זיי גאָט בענטשען מיט אלדאָס גוטעס. און דאָס זיינען זייערע שעהנע נעמען :

THE SOUTH SIDE HEBREW CONGREGATION
Chicago 49, Ill.

Av 4, 5704, July 24, 1944

Dear Rabbi Kaplan:

Mr. Barnett Hyman, a member of our Congregation brought us your book. As it is impossible for us to send you the amount we would like to, and that you deserve to get, you will therefore please accept the enclosed check for $5.00 with our best wishes.

Yours very sincerely,

Rabbi Morris Teller — Nathan S. Roth

די תורה זאָגט „אשר יצא לפניהם״(פינחס)

אז מען וויל קען מען זאָגען אז די ווערטער „אשר יצא לפניהם״ מיינט פשוט אזא מענש וואָס ער זאָל קענען אויסגעהן פאר א אידען. אָט אזוי פיעל זאָל דער בעאַמטער ליעב האָבען אידען, אז ביי איהם זאָל רעכט זיין מפקיר זיין זיך, און פשוט אויסגעהן פאר זיי.

רבותי ! אָט אָ די אידען וואָס איך האָב זייערע נעמען אויף מיינע ספרים, האָב איך זיי ליעב מיט אזא איבערגעבענע ליעבע — „כי עזה כמות אהבה״!

חברה „שבת אחים אנשי ראטשוינז״
גבאים: ר׳ אליקום געציל קאבער
ר׳ שלום בינענפעלד
רעוו. ר׳ דוד צבי ב״ר אברהם טאַב
ממשפחת הצדיקים והרבנים
די באוואוסטע „פעטריקאָווער שוהל״ מפלך מינסק
הרה״ג חיים דוד אדאמס
רבי יעקב אנדראָן
רעוו. ר׳ יהושע אייזענבערג
ר׳ מרדכי אָפּענהיים
ר׳ חיים ארי׳ אייגנער
ר׳ ארי׳ דוב אראָנסאָן
ר׳ משה מרדכי ב״ר שלמה אקערמאַן
ר׳ אליהו צבי הכהן אקסעלראד
ר׳ יוסף וז׳ יענטע גיטעל אסיף
ר׳ הלל אהרן ב״ר דוד אלעניק
ר׳ יוסף דוד אבראמסאָן
בלומע אפעל
ר׳ אברהם ב״ר שלמה זלמן אייבראמסאָן
ר׳ יוסף איגר
ר׳ אשר זעליג אדלער
ר׳ אברהם יהודה אראָן — בשר כשר
ר׳ שלמה צבי אַבראַמאָוויץ
ר׳ טובי׳ אַרפע — בשר כשר
ר׳ מאיר הלוי אגעט — בשר כשר
ר׳ יצחק ב״ר שמואל ח׳ אנטמאן
ר׳ שמעון אקון
ר׳ יעקב דוב אקונאוויץ
ר׳ נח אמלאם
מרת יאכע אקערמאן
ידידי הנכבד בארנעט

כשר דעליקאטעסען 64 גרעהעם עוועניו
„למהדרין מן המהדרין״ — ברוקלין
ר׳ יוסף הוירש — סטריקטלי כשר׳ע וויין
303 האוסטאן סט., ניו יארק
חברה משניות של ביהכ״נ „בני דוד״
רעוו ר׳ יונה וז׳ צפרה בעקערמאן
רעוו. שמעון ב״ר משה יהודה ברעכער
ר׳ לוי בוילער
ר׳ מרדכי בראנשטיין
ר׳ אברהם ב״ר זוסיע ביינק
ר׳ דוד באראן — בשר כשר
ר׳ אברהם ב״ר משה אהרן ברענער
ר׳ יונה בריינעס — בשר כשר
ר׳ מאיר באומאן
ר׳ חיים זאב ב״ר שמואל בלאט
ר׳ זיסעל ור׳ יהודה באשיסט—בשר כשר
ר׳ אברהם ברעזנער
ר׳ אלעזר וז׳ רחל לאה בלייער
ר׳ נתן נטע ב״ר יוסף לייב בארענשטיין
ר׳ חיים בלום — בשר כשר
רבי יוסף ב״ר שלמה באלטוך
ר׳ יוסף חיים בלאק — בשר כשר
ר׳ אהרן יצחק ב״ר ישראל בעקער
ר׳ יעקב בערקאָוויץ — בשר כשר
ר׳ יצחק בצלאל בלומענפעלד
ר׳ שמואל בערמאן
ר׳ אהרן צבי בערגער
ר׳ צבי ארי׳ בארד — בשר כשר
ר׳ יעקב בלאנסקי

הרב ר' יחיאל אהרן גארדאָן
ממשפחת טווערסקי
הרב יצחק באלאבאן
רעוו. אברהם דוב גינגאָלד
רעוו. ר' אליעזר גאָלדבערג
חזן ר' אליעזר יוסף גרינוואלד
חזן ר' נתן דוד העלפאנט
ר' דוב באָדענשטיין
ר' ירוחם פישעל הלוי בערמאן
ר' אברהם באריס
ר' מאיר לייב בריף
ר' משה מעסיל באיארסקי
ר' אברהם ברענער
ר' יוסף הכהן בראט
ר' חיים מרדכי גלוכאווסקי
ר' אברהם גאָרדאָן
ר' יחזקאל גאָלד
ר' תודרוס גאָלדבערג — בשר כשר
ר' משה גאָלדפארב (גבאי)
ר' אברהם גאָלדברג ודוד טריץ בשר כשר
ר' שלמה ב"ר משה גאָלדבערג
ר' שמשון בר' משה הכהן גאָלדמאן
ר' אברהם אבא גאָלדמאן
ר' שמואל דוב גאנעלעס
ר' משה יהודה הכהן וז' שרה גודמאן
ר' אהרן גוטקאָוויץ — בשר כשר
ר' משה חיים גילנער — בשר כשר
ר' אברהם וואגנער ור' יצחק גליקסמאן
בשר כשר
ר' נחמיה הלוי גלעיט — בשר כשר
ר' מענדיל גראָס — בשר כשר
ר' דוד הכהן גרין — בשר כשר
ר' משה גרינפעלד — בשר כשר
ר' יוסף גראָסמאן
ר' חיים משה גאָלדשטיין
ר' לייב גענדעלמאן — בשר כשר
ר' ישראל שלום גודמאן — בשר כשר
ר' אהרן געלפאנד — בשר כשר

הרב החריף ר' ניסן גאָרדאָן
ר' דוד הכהן גרין — בשר כשר
ר' יעקב גוטשטיין — בשר כשר
ר' צבי ב"ר דוב געבער — בשר כשר
ר' חיים נחום גראבאָף
ר' יוסף גאָלדשטיין
ר' אברהם יצחק ב"ר דוב גאפקאוויץ
ר' מאיר לייב גודמאן
ר' זאב גאָלדבערג
ר' יצחק זאב גאלד
ר' מאיר גאָלדשטיין
ר' מאיר גאלדגלאנץ וז' סימע תחי'
ר' שלום ב"ר אברהם יוסף ואשתו רחל
בת ר' משה גמזו, מעיר פינסק
ר' חיים שעפסיל גרוסקי
ר' שלמה ארי' געווירץ
ר' יעקב הלוי גאָלדבערג
ר' אשר דרעקסלער
ר' ישראל דאָלמאן
ר' מאיר דאנציגער
ר' ישראל דזעשסקאָוויץ
ר' חנינא דזשעיקאָבאָוויץ
ר' יצחק דאָלינסקי — בשר כשר
ר' שלמה בן דוד דובין — בשר כשר
ר' יוסף דיילי — בשר כשר
ר' חיים ב"ר יחיאל מיכל דרייער
ר' מרדכי דאלינדזשער — בשר כשר
ר' אברהם יצחק דאנטא — בשר כשר
ר' זוסיע דייטש — בשר כשר
ר' פייוועל הארן — בשר כשר
ר' אברהם הלוי הארוויץ—בשר כשר
ר' חיים דוב הארוויץ — בשר כשר
ר' יעקב האלעם
ר' נחום הונדערט
ר' צבי האָפער
ר' אשר הלוי הורוויץ
ר' שלמה העריסאָן
שרה דאווידאָף

הרב ר' יעקב זאקהיים
רבי דוד האנים
השו"ב ר' משה ב"ר בנימין זשאוותים
השו"ב ר' חיים זיידעס
חזן ר' חיים וז' ליבע וואגעל, בתו רחל,
ובנו ר' אליעזר יוסף
ר' משה העלער
ר' אהרן הערוואַלסקי — בשר כשר
ר' הלל האלפערין
ר' אליהו הילל - סטריקטלי כשר ווארשט
ר' שמעון הערמאן
ר' זאב האַראָוויץ
ר' שמואל בנימין הוירש
מינקע וועלין
ר' יחזקאל ווארשאפסקי, גבאי דביהמה"ג
ר' שמואל אבא וועגדער
ר' בנימין וויינבערג
ר' נח ב"ר שלמה וואלעק
ר' יצחק משה וויסבארט
ר' איטשע בער וואגנער — בשר כשר
ר' יהושע וויינטרויב
מרת ריינע וויינטרויב
ר' מרכי צבי ווייס
ר' יצחק וואלמאן
ר' בנימין ווילהעלם
ר' חיים מרדכי ווייס — בשר כשר
ר' אלתר פישעל ווילדשטיין
ר' לייב ווערטענטייל
ר' אברהם זילבערמאן
ר' מענדיל זאריצקי — בשר כשר
ר' חיים מרדכי זוסלאק
ר' ישראל זלאט
ר' יוסף זופניק
ר' ישראל מרדכי זיסעלמאן
ר' אלימלך זיידנער — בשר כשר
ר' שלמה זאלמאנאוויטש
ר' שמשון ב"ר נטע זיסער
ר' אברהם צבי זעפטעלם
מרת פעשע זעפטעלם

הרב דוב טאבענקין
השו"ב ר' ירמי' טשארני
ר' דוד טעלער — דענטיסט
ר' שלמה זלמן טוכמאן — בשר כשר
ר' סעם טעסער — בשר כשר
ר' מרדכי ב"ר יעקב טראכטמאן
ר' פסח טראטש
ר' משה ב"ר ברוך טשארני
ר' יוסף טעסלער
ר' יעקב ב"ר שמואל יאקובאוויץ
ר' כתריאל ב"ר יונה יבנה
ר' גדלי' ור' יוסף — בשר כשר
ר' נחום גרשון יערענבורג
ר' מרדכי ב"ר צבי יודאוויץ
ר' יצחק יאבלאנאוויץ — בשר כשר
ר' יקותיאל כשדין
ר' יחזקאל ב"ר אשר יצחק כ"ץ
ר' צבי כ"ץ, סעק.
ר' אלכסנדר ב"ר אליהו לענטש
ר' מיכאל יעקב לעווין — פרעז.
ר' מתתי' לענדער
ר' שלמה זוסמאן לוריא
ר' לייב לערנער
ר' יצחק לערנער
ר' שניאור אייזיק לעפקאָוויץ—בשר כשר
ר' אברהם דוב הלוי לעווענטהאל —
— בשר כשר
ר' ברוך פלטיאל לעווין — בשר כשר
ר' נתן לעווין — בשר כשר
ר' נחום לוטצקי — בשר כשר
ר' נחמן לעיבאוווסקי — בשר כשר
ר' פסח הכהן ליפמאן—בשר כשר
ר' אפרים לעווין — כשר רעסטאָראנט
ר' אברהם לעווינסאָן — בשר כשר
ר' העניך לינגעל — בשר כשר
ר' מנחם מענדיל לאוב — בשר כשר
ר' משה ליפסקי
ר' יצחק לעווענברון

הרב ברוך הכהן מאָרגענשטערן
חזן ר' צבי דוד סילווערמאן
ר' גדליה הכהן לוקנער — בשר כשר
ר' חיים לייבאוויץ — בשר כשר
ר' קלונימוס קלמן לובטשער—בשר כשר
ר' אברהם לעוויטאן — בשר כשר
ר' ישעיה לעווין — בשר כשר
ר' יהודא ליב הכהן לאזעראף
ר' ירוחם ליבלינג
ר' סימאר לאטנער
ר' דוד לאטנער
ר' יהושע לעדער הלוי
ר' קלמן לעווין
ר' משה לענטשיצקי — בשר כשר
ר' פינחס מענקין
ר' מנחם מענדיל מארקמאן
